# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

בלק

מכון באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל


פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com


באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com


ארה"ב: Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

באר"ק:
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

יו"ל ע"י מכון באר אמונה



2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת בלק


ומבלעדיו אין אלוקים - יעדע באַמבע און קויל האָט אַן אַדרעס..........................ד

למה הכיתני - מחלוקת איז אַ גרעסערע עבירה ווי עבודה זרה.........................ט

לא הביט און ביעקב - דער בוכ"ע קוקט נישט אויף דיינע חסרונות, ער האָט דיך באמת ליב..........יז


**ספה"ק בת עין**

**וְעַל יְדֵי מַה יְכוֹלִים לְהַגִּיעַ לִבְחִינַת עַיִן טוֹבָה** און ווי אזוי קען א מענטש צוקומען צו די מדריגה פון האבן א 'גוטע אויג'. **עַל יְדֵי נֶפֶשׁ שְׁפָלָה וְרוּחַ נְמוּכָה** דורך דעם וואס דער מענטש האט זיך צוגעוואוינט צו האבן א 'נפש שפילה' (נישט צו גלוסטן צו אלעס און זיך באגנוגען מיט ווייניג) און די מידה פון 'רוח נמוכה' (זיך האלטן קליין) וועט ער שוין צוקומען צו די מידה פון 'עין טובה' (צו זעהן מיט א גוטע אויג א יעדע זאך וואס השי"ת האט באשאפן און גיבט פאר מענטשן).

**פֵּירוּשׁ שֶׁבִּתְחִילָּה צָרִיךְ הָאָדָם לְהַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ בִּבְחִינַת נֶפֶשׁ שְׁפָלָה** ד"מ צו זאגן אז צום אנפאנג דארף א מענטש צום ערשט זיך איינגעוואוינען אז ער זאל זיין אין די בחינה פון 'א נפש שפילה' נישט צו גלוסטן צו קיין איבריגע זאכן פון די וועלט. **הַיְינוּ לְמַעֵט בְּתַעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה** דאס מיינט צו פארמינערן די פארגעניגנ'ס פון די וועלט, **לְהִסְתַּפֵּק עַצְמוֹ בְּמִיעוּט** און זיך באגעניגן מיט ווייניג, **שֶׁהוּא רַק הַהֶכְרֵחַ לְחִיּוּת נַפְשׁוֹ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ** וואס דאס איז וואס ער מוז האבן כדי צו דערהאלטן זיין נפש ביים לעבן צו קענען דינען דעם באשעפער. **וְשֶׁלֹּא לִרְדּוֹף אַחַר מוֹתָרוֹת הַתַּעֲנוּגִים** און נישט נאכלויפן נאך איבריגע פארגעניגנ'ס. **וְאָז מִמֵּילָא יִהְיֶה לוֹ רוּחַ נְמוּכָה**, און דעמאלסט ווען דער מענטש האט א 'נפש שפילה' און גלוסט נישט צו איבריגע זאכן און מותרות אויף די וועלט וועט דער מענטש שוין צוקומען צו האבן א 'רוח נמוכה', **בְּחִינַת שִׁפְלוּת** וואס איז א בחינה פון ענוה ושפלות.

**... אֲבָל אַבְרָהָם אָבִינוּ ע"ה שֶׁהָיָה לוֹ בְּחִינַת נֶפֶשׁ שְׁפָלָה** אבער אברהם אבינו וואס האט געהאט א 'נפש שפלה' א גייסט וואס לויפט נישט נאך איבריגע תענוגים און פארגעניגנס, **שֶׁלֹּא הָיָה רוֹדֵף אַחַר הַכָּבוֹד וְתַעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה** וואס אברהם אבינו איז נישט נאכגעלאפן נאך די כבוד און פארגעניגענ'ס פון די וועלט, **עַל יְדֵי זֶה תִּיקֵּן בְּחִינַת נֶפֶשׁ** און דורכדעם האט ער מתקן געווען זיינע מידות פון זיין זעהל. **מִמֵּילָא הָיָה לוֹ רוּחַ נְמוּכָה** און דורכדעם האט ער שוין געהאט א 'רוח נמוכה' וואס מיינט א נידריגע גייסט און זיך נישט געהאלטן שטאלץ, **בְּחִינַת רוּחַ** וואס די מידה פון ענוה איז די בחינה פון 'רוח' די גייסט פונעם מענטש. **וְעַיִן טוֹבָה בְּחִינַת נְשָׁמָה** און דורכדעם איז ער אנגעקומען צו די מדה פון 'עין טובה' א גוטע אויג וואס איז די בחינה פון נשמה.

**(ד"ה מה טובו אהליך יעקב)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת בלק

ומבלעדיו אין אלוקים - יעדע באַמבע און קויל האָט אַן אַדרעס

**אויף** דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה, בלק (כב, כח) 'ויפתח ה' את פי האתון', שרייבט דער רמב"ן ז"ל (פסוק כג) אַז דער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן אַזאַ נס אַז דאָס אייזל זאָל עפענען איר מויל און אָנהייבן צו רעדן, איז געווען כדי צו ווייזן פאַר דעם רשע בלעם, אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס עפענט דאָס מויל אז מען זאל קענען רעדן, און אַוודאי ווען ער וויל, קען ער אויך שטיל מאַכן די מענטשן וואָס רעדן. אויך איז ער דער וואָס לייגט אַריין אין זייער מויל ווערטער וואָס ער וויל אַז זיי זאָלן רעדן, ווייל אַלעם איז אין זיין האַנט.

**אויך** האָט דער אויבערשטער געוואָלט וואָרענען בלעם, נישט צו טוהן כישוף, און מיט דעם חלילה שעלטן די אידן, ווייל בלעם איז דאָך געווען אַ גרויסער מכשף, עכ"ל.

**אַזוי** שטייט קלאָר אין מדרש (מדרש ילמדנו) 'ויפתח ה' את פי האתון': אז מען זאל קלאר וויסן אַז דאָס מויל און די צונג זענען אין די הענט פון דעם אויבערשטען. ער האָט געעפענט דאָס מויל פונעם אייזל וואָס איז געווען פאַרמאַכט, און אַזוי האָט ער פאַרמאַכט דאָס אָפענע מויל, אַז בלעם זאָל נישט האבן רשות צו שעלטן די אידן חלילה.

**דאָס** אַלעם קומט אונז לערנען, אַז אויף דער וועלט ווערט קיין זאַך נישט געמאַכט אָן די גענויע השגחה פרטית אין יעדן ענין, און אַלעם וואָס פאַסירט מיט'ן מענטש איז נאָר לויט דעם רצון פון באַשעפער ברוך הוא[א], לויט די כוונה עליונה, צו ברענגען אויף דעם מענטש טובות און ברכות.

**אַזוי** טייטשן די ספרים ('שפת אמת', פ' בלק תרל"ב), דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כב, ה-ו) 'הנה עם יצא ממצרים, הנה כסה את עין הארץ והוא יושב

---

**א.** אין יעדע צייט, ווען מען גייט אדורך שווערע זמנים און מען נויטיקט זיך אין רחמי שמים, איז כדאי צו געדענקען דעם דאָזיגן כלל, אַז **דער אויבערשטער פירט די וועלט, ומבלעדיו אין אלוקים. נאָר מיט אט די ידיעה קען מען זיך שטאַרקן.**

דער גאון רבי דוד פּאָוואַרסקי זצ"ל, דער ראש ישיבה פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, האָט דערציילט, אַז אין צייט פון קאָמוניזם אין רוסלאַנד, איז איינע פון די נאָוואַרדאַקער ישיבות געווען אונטער דער רוסישער הערשאַפט. מ'ווייסט דאָך אַז די קאָמוניסטישע מלכות הרשעה האָט נישט ערלויבט אָנצוהאַלטן ישיבות און מוסדות התורה, אָבער דער 'אַלטער' פון נאָווארדאַק האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט דאָ וואָס מורא צו האָבן פון זיי, און ער האָט באַפוילן אָנצוהאַלטן די סדרים אין די ישיבה נאָרמאַל, 'תמידין כסדרן'.

אַ געווויסן טאָג האָט מען געהערט אין ישיבה, אַז די קאָמוניסטן גרייטן זיך דורכצופירן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פונקט אַנטקעגן איבער דעם בנין פון דער נאָווארדאַקער ישיבה. עס וועלן אַהין קומען טויזנטער גוים. דאס האט ארויסגערופן א גרויסן פחד ביי די תלמידי הישיבה, און מ'האָט געוואָלט פאַרמאַכן די ישיבה אויף דעם טאָג ווען עס וועט פאָרקומען די פאַרזאַמלונג פון די קאָמוניסטן: 'עת לעשות לה', הפרו תורתך'. אבער ווען מ'האָט געפרעגט דעם נאָווארדאַקער, האָט ער געזאָגט, מ'זאָל נישט משנה זיין אַפילו אַ 'כי הוא זה', נאָר מ'זאָל אָנגיין מיט'ן סדר הישיבה נאָך מער ווי אייביג. עס זאָל 'ברענען' אין היכל הישיבה דער הייליגער 'פייער' פון תורה. ער האָט אַפילו צוגעזאָגט, אַז דער וואָס וועט זיך שטאַרקן יענעם טאָג נישט מבטל צו זיין פון לימוד התורה, וועט אַרויסגיין בשלום.

וכך הוה, ווען די פאַרזאַמלונג האט זיך אנגעפאנגען, האט די קול תורה זיך געשטאַרקט און די בחורים זענען באמת געווען אריינגעווארפן אינעם אש התורה. עס האט אבער פאסירט אז צוויי בחורים פון די ישיבה האבן זיך דערשראָקן, און זיי זענען אַריינגעלאָפן אין זייער דאָרמיטאָרי-צימער, און זיך צוגעדעקט אונטער זייערע דאַכענעס.

שפּעטער, ווען די פּאָליציאַנטן זענען אַריינגעקומען אין ישיבה און זיך אַוועקגעשטעלט ביים טויער פונעם היכל הישיבה, זענען זיי געווען ערשטוינט צו זעהן אַ מראה וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געזעהן אין זייער לעבן: אַ הויכער און רעש'יגער קול תורה, און די בחורים זענען זיך מפלפל איינער מיט'ן אַנדערן, ווי עס איז די שטייגער ביי די לומדים... אין זייערע אויגן, האָבן די בחורים פון ישיבה אויסגעזעהן ווי... 'משוגעים', ווייל ביי זייערע שטודיעס זעהט מען נישט אַזעלכע מראות... און וויבאַלד לויט'ן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, טאָר מען נישט טשעפּען מיט אַ 'משוגעים הויז', האָבן זיי פאַרלאָזט דעם היכל הישיבה, און נישט געטשעפּעט קיין איינעם פון די תלמידים אין די ישיבה.

ווען די צוויי 'באהאלטענע' בחורים האָבן דאס געזעהן, האָבן זיי געמיינט אַז דער מצב האָט זיך שוין באַרואיגט, און זיי זענען אַרויסגעקומען פון זייערע בעטן. פלוצלינג, האָבן די פּאָליציאַנטן געקלערט צו זיך, מעגליך אַז דאָ אין היכל הישיבה זיצן 'משוגעים', אָבער ס'איז דאָך מעגליך אַז אויף די אַנדערע שטאָקן געפינען זיך יאָ 'נאָרמאַלע' מענטשן... ווען די פּאָליציאַנטן זענען ארויפגעקומען און האָבן זיי באַמערקט, האָבן זיי דערשאָסן די צוויי בחורים רח"ל אויפ'ן אָרט, הי"ד. דאַן האָט מען געזעהן, אַז 'בזמן שהקול קול יעקב, אין הידים ידי עשו'. **אַפילו ווען מ'געפינט זיך חלילה אין א לייבן גרוב, טוט דער זכות פון לימוד התורה שיצן מיט אַ שמירה עליונה די לומדי תורה.**

אין צייט פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, זענען די דייטשע רשעים ימ"ש אָנגעקומען אין דער שטאָט ליאָן אין פראַנקרייך, פרייטאָג פאַרנאַכטס, פאַר קבלת שבת. פונקט דאַן האָט איינער פון די תלמידים פון נאוואראדאק מעורר געווען דעם עולם, זאָגנדיג: מ'קען דאָך נישט וויסן וואָס עס וואַרט אויף אונז, לאָמיר זיך מחזק זיין מיט אמונה און בטחון, און מתפלל זיין אויף ישועת ה'. ער האָט צוגעגעבן, אַז מ'קען זאָגן אַ טעם פאַרוואָס ווען מ'זינגט 'בואו בשלום' (אין דעם פיוט 'לכה דודי'), דרייט מען זיך אויס פון מזרח-זייט צו מערב-זייט דורך צפון-זייט, און דערנאָך דרייט מען זיך צוריק פון מערב צו מזרח דורך דרום-זייט, ווייל מ'וויל מרמז זיין פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, מיר ווייסן דאָך נישט פון וועלכע זייט עס וועט קומען די ישועה, אָבער מיר פאַרלאָזן זיך נאָר אויף דיר אַליין. מיר זענען זיכער אַז דו וועסט אונז העלפן...

ווען דער עולם האָט געדאַווענט, האָבן זיי נישט געוואוסט אַז ביים אריינגאנג פון ביהמ"ד איז געשטאַנען איינער פון די נאַצישע מלאכי חבלה ימ"ש מיט אַ גראַנאַט אין האַנט, און ער האָט עס געוואָלט אַריינוואַרפן אין שול אַריין, ה' ישמרינו, אָבער ווען ער האָט געעפענט די טיר, האָבן די אידן אין שול פונקט געהאַלטן ביי 'בואו בשלום', און זענען געשטאַנען אויסגעדרייט צו די טיר... האָט ער זיך דערשראָקן, און אנשטאט אַריינצוואוואַרפן דעם גראַנאַט אין שול אַריין, האָט דער גראַנאַט זיך אויפגעריסן אין זיין האַנט, און ער איז אומגעקומען אויפ'ן אָרט. כן יאבדו כל אויביך ה'.

**די הויפּט-נקודה פון דעם אַלעם איז, אַז תורה און אמונה זענען אונזער שמירה, תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו, און מיט אמונה קומט מען דורך אַלע שוועריגקייטן בעזהי"ת.**

דער סטייפּעלער גאון זצ"ל ברענגט אין אַ בריוו ('קריינא דאיגרתא', אגרת נד) אַז אין צייט פון די ערשטע וועלט מלחמה, האָט דער גאון רבי מאיר שמחה הכהן זצ"ל אבד"ק דווינסק, בעל 'אור שמח', געראטן אידן נישט צו אַנטלויפן פון שטאָט, זאָגנדיג: **'יעדער קויל האָט אַן אַדרעס'**, ע"כ.

מ'דערציילט אויך, אז רוב מענטשן פון שטאָט זענען אָבער יאַ אַנטלאָפן. דער 'אור שמח' האָט אָבער געזאָגט: 'אויב עס וועלן בלייבן 9 אידן אין שטאָט, וועל איך זיין דער צענטער צו בלייבן'. אינמיטן די מלחמה, האָט דער 'אור שמח' געמוזט פאָרן קיין וויען. זייענדיג אין וויען, האָט ער באַגעגענט דאָרט דעם מעיאָר פון דווינסק, וועלכער פלעגט אָפּגעבן דעם רב אַסאַך כבוד. ווען מ'האָט געוואָלט צוריקפאָרן, האָט דער מעיאָר איינגעלאַדן דעם 'אור שמח' מיטצופאָרן מיט איהם קיין דווינסק, מיט אַ געפּאַנצערטן אויטאָ (ווייל די שונאים האָבן נאָך געוואָרפן באָמבעס), און אַזוי וועט איהם גאָרנישט פּאַסירן. רבי מאיר שמחה האָט אָבער געזאָגט פאַר דעם מעיאָר, אַז ער וויל בעסער פאָרן צוזאַמען מיט אַנדערע אידן.

למעשה איז אַ באָמבע געפאַלן אויף דעם געפּאַנצערטן אויטאָ פון דעם מעיאָר, און אַלע רייזענדע אינעם אויטאָ זענען אומגעקומען. דעמאָלס האָט מען פאַרשטאַנען וואָס דער 'אור שמח' האָט געזאָגט, **'יעדע באָמבע האָט אַן אַדרעס'.**

אַמאָל ווען דער מצב אין ארץ ישראל איז געווען אַביסל 'אָנגעצויגן', האָט אַ יונגערמאַן געוואָלט אַוועקפאָרן פון ירושלים. דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, האָט איהם אָבער געזאָגט אַז עס האָט נישט קיין זינען

אַוועקצופאָרן פון ירושלים, ווייל 'יעדער קויל האָט אַן אַדרעס'. דער יונגערמאַן איז אָבער יאָ געפאָרן קיין בני ברק. ווען ער איז געווען אין די פרדס כ"ץ געגענט אין בני ברק, האָט דאָרט אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן צוויי גוים ווען דער יונגערמאַן איז געגאַנגען מיט זיינע בני בית אויפ'ן גאַס, און איינער האָט געשאָסן אויפ'ן אַנדערן, און די פרוי פון יענעם יונגערמאַן איז געטראָפן געוואָרן פונעם קויל. בלויז בחסדי שמים האָט זי זיך שפּעטער ערהוילט פונעם שאָס, ה' ירחם. דעמאָלס האָט דער יונגערמאַן שוין גוט פאַרשטאַנען וואָס דער 'פני מנחם' האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז נישט כדאי צו פאַרלאָזן ירושלים קיין בני ברק...

מענין לענין, אין די ביאַלער ישיבה, איז לאַנגע יאָרן געווען איינגעפירט צו מאַכן אַ 'קעמפּ' פאַר די בחורים, אין שפּיץ פון ביאַלער רבי'ן זצ"ל, און הגה"ח רבי חיים שמעון אסתרזאָהן ז"ל (אַ ראש החבורה פון בחורים אין ביאַלע) איז געווען דער 'משפּיע' און 'מדריך' אין קעמפּ.

העכער 35 יאָר צוריק, איז דער 'קעמפּ' פון די ביאַלער בחורים געווען אין דער שטאָט זכרון יעקב, נאָך איידער ס'איז דאָרט געווען אַן ערנסטער ישוב פון שומרי תורה ומצוות. גאָר ווייניג פרומע אידן האָבן דעמאָלס געוואוינט אין שטאָט. אַ מקוה איז נישט געווען אין דער געגנט, און מ'האָט יעדן טאָג גערדאַרפט פאָרן אַ היבשן וועג, און אַזוי אויך ערב שבת, צו אַ מקוה (אַ 'מעיין' - קוואַל וואָס איז ספּעציעל גע'כשר'ט געוואָרן צו דינען אַלס אַ מקוה טהרה). די הנהלה פונעם קעמפּ האָט געדינגען אַ 'דרייווער' מיט אַ גרויסן 'טענדער', צו פירן די תלמידים אין מקוה.

אין אַ געוויסן פרייטאָג, ווען דער דרייווער איז געקומען אָפּנעמען די בחורים און די מדריכים צו די מקוה, האָט רבי חיים שמעון ז"ל געהאַלטן אינמיטן אַ 'שמועס' מיט אַ טייערן בחור, וועלכער איז געווען שטאַרק צוריקגעהאַלטן און 'פאַרמאַכט'. רבי חיים שמעון האָט עטליכע מאָל פרובירט 'עפענען' דעם בחור און כאַפּן מיט איהם אַ שמועס, אָבער אָן ערפאָלג. פונקט יענעם ערב שבת, ביי זייער יעצטיגן שמועס, האָט דער בחור זיך געעפענט און געזאָגט וואָס ער האָט געהאַט אויפ'ן האַרץ, און רבי חיים שמעון האָט געשפּירט אַז ער האָט יעצט אַ 'שעת הכושר', צו ראַטעווען דעם בחור לדורות, און וויבאַלד עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט אין 'דיני נפשות', האָט ער געזאָגט פאַר'ן דרייווער און די אַנדערע בחורים אַז זיי זאָלן פאָרן צו די מקוה, און נישט וואַרטן אויף איהם. ער וועט שוין אונטערקומען שפּעטער.

דער שמועס וואָס רבי חיים שמעון האָט געהאַט מיט דעם בחור, האָט געדויערט מער ווי צוויי שעה צייט, ווען דער זייגער האָט געוויזן אַז ס'איז שוין כמעט דער 'זמן' פון ערב שבת. דאַן האָט רבי חיים שמעון זיך גענומען זוכן אַ 'דרייווער' וואָס זאָל איהם פירן אין מקוה. אויף דעם 'בולעטין באָורד' זענען געווען פאַרצייכנט עטליכע טעלעפאָן-נומערן פון יונגעלייט וואָס האָבן געוואוינט נישט ווייט פון דאָרט, און פּאָר פרנסה ארבעטן זיי אלס 'קאַר-סערוויס' דרייווער. האָט רבי חיים שמעון זיך פאַרבונדן מיט זיי, און צוויי האָבן געענטפערט אַז דער זייגער ווייזט דאָך אַז מ'האַלט שוין ממש נאָענט צו שבת. איידער ער האָט טעלעפאָנירט צום דריטן, האָט רבי חיים שמעון מתפלל געווען צום באַשעפער אַז מ'זאָל איהם צופירן פון הימל אַ וועג צו גיין אין מקוה. ווען ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ דריטן מענטש, האָט געענטפערט אַ פרוי, און עטליכע סעקונדעס שפּעטער, איז דער מאַן צוגעקומען צום טעלעפאָן, און געפרעגט, 'וואו זענט איר... איך וועל שוין קומען צו פאָרן און כ'וועל אייך פירן צו דער מקווה'...

אויפ'ן וועג האָט דער דרייווער געפרעגט רבי חיים שמעון, אויב ער ווייסט די סיבה פאַרוואָס ער האָט זיך געאיילט צו קומען זיי נעמען אין מקוה, אין אַזאַ שפּעטע שעה. האָט רבי חיים שמעון געענטפערט: וואָס הייסט, מסתמא נויטיגט איר זיך אין געלט... האָט דער איד איהם געזאָגט: ווי קומט דאָ אַריין געלט, ווען ס'איז אַזוי שפּעט צו שבת... נאָר כ'וועל אייך דערציילן פאַרוואָס כ'בין געקומען נעמען אייך אין מקוה.

און ער דערציילט: איך האָב זיך געלייגט שלאָפן לכבוד שבת, און כ'האָב געזעהן אין חלום אַז איך שטיי מיט מיין פינף-יעריגן יונגל ביי דער אויטאָבוס-סטאַנציע אין ירושלים, כדי אַרויסצופאָרן קיין זכרון יעקב. פרייטאָג, פּאָרט נאָר איין באָס פון ירושלים קיין זכרון יעקב - 12 אַזייגער מיטאָג. ס'איז אַ וועג וואָס דויערט דריי שעה. דער באָס איז אָנגעקומען זייער שפּעט און איז געווען פול מיט מענטשן, אַזוי אַז דער דרייווער האָט מיך נישט געלאָזט אַרויפקומען אויפ'ן באָס צוזאַמען מיט מיין זון. ער האָט געזאָגט, 'אָדער דו, אָדער דיין זון'... האָב איך איהם געזאָגט, ווי אַזוי קען איינער פון אונז בלייבן דאָ אַליין שבת... צי דען קען איך איבערלאָזן מיין קינד אין ירושלים אליין? איך האָב זיך אַלזאָ געוואָלט אַרויפכאַפּן אויפ'ן באָס צוזאַמען מיט מיין זון, אָבער דער דרייווער האָט מיך אָנגעשריגן מיט 'קולי קולות', און אונז ממש אַראָפּגעוואָרפן פונעם באָס. דאַן איז ער געשווינד אָפּגעפאָרן מיט'ן באָס, און אונז

איבערגעלאָזט שטיין דאָרט ביי דער באָס-סטאַנציע... איך בין געווען זייער פאַרצווייפלט, ווייל איך האָב נישט קיין באַקאַנטן אָדער קרוב אין ירושלים, און וואָס וועט זיין מיט מיינע בני בית, וועלכע וועלן דאַרפן אָפּרעכטן דעם שבת אַליין... אין מיין דמיון, האָב איך זיך שוין געזעהן שלאָפן פרייטאָג צו נאַכטס אויף אַ באַנק אין די 'זכרון משה שטיבלאך'...

אינמיטן דעם פחד און בהלה איז צוגעקומען מיין עקרת הבית און מיך אויפגעוועקט, זאָגנדיג, ס'איז דאָ אַ איד וואָס זוכט צו פאָרן אין מקוה, אפשר ווילסטו איהם נעמען... און אַזוי ווי איך האָב שוין געשפירט אויף מיין אייגענעם הויט וואָס עס מיינט ווען אַ איד זוכט אַן וועג צו פאָרן, ער וואַרט אויף אַ 'רייזע' ערב שבת, האָב איך געענטפערט יאָ, איך וועל איהם אַוודאי צופירן איבעראל וואו ער וויל פאָרן, טראָץ דער שפעטער שעה צו שבת.

פון דער מעשה האָט רבי חיים שמעון אַרויסגעלערנט, אַז דער באַשעפער פירט די גאַנצע וועלט, און ער טוט צושטעלן פאַר יעדן איינעם אַלע זיינע באַדערפענישן צו יעדער צייט און אין יעדן אָרט, און אויב מ'דאַרף, קען ער אפילו צוברענגען אַ מענטש צו אַ 'טיפן שלאָף', מער ווי ער איז געוואוינט (אַזוי ווי אין דעם דערמאנטן פאַל, וואָס דער דרייווער האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט פון שלאָף ביז גאָר נאָנט צו שבת), און ער מאַכט אַז ער זאָל חלומ'ען אַ שרעקליכן חלום, אַז ער וועט דאַרפן שלאָפן מיט זיין פינף יעריגן יונגל, אויף אַ באַנק אין אַ שול'עכל אין ירושלים... דער עיקר איז, אַז עס זאָל פאַסירן דאָס וואָס עס דאַרף פאַסירן, און אַזוי פירט דער אויבערשטער אַלעס אויף דער וועלט. ער ווייסט וואָס עס דאַרף זיין, און ער 'ערלעדיגט' אַלעס אין פאָראויס.

הגה"צ רבי יוסף ליבערמאַן זצ"ל, בעל 'משנת יוסף', האָט דערציילט די וואונדערליכע פאַסירונג ווי אַזוי ער און זיין משפחה זענען געראַטעוועט געוואָרן פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה.

אין יאָר תרצ"ט, האָט מען שוין געהערט אין זיין געבורט-שטאָט פרעשבורג אין אונגאַרן, ווי דער שרעקליכער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך שוין איבעראל פאַרשפרייט. זיין טאַטע איז געווען אַ וויין-סוחר וועלכער האָט ב"ה מצליח געווען און געהאַט פרנסה בהרחבה. אַמאָל ווען רבי יוסף, וועלכער איז דעמאָלס אַלט געווען 9 יאָר, איז געגאַנגען אויפ'ן גאַס. איז צוגעקומען צו איהם אַ יונגער שייגעץ און איהם דערלאַנגט אַ פראַסק אין פנים. רבי יוסף האָט זיך שטאַרק צעוויינט, פאַר די בושות און דעם עצם פאַטש אין פנים, און נאָך דערצו, פון אַ יונגן נידערטרעכטיגן שייגעץ. ווען רבי יוסף'ס טאַטע האָט געהערט וואָס עס האָט פאַסירט, האָט ער געזאָגט, אויב אַ גוי איז אימשטאַנד צו דערלאַנגען פאַר אַ אידיש יונגל אַ פאַטש אין פנים אָן קיין שום סיבה, איז דאָס אַ סימן אַז דאָ טוט זיך אויפשטורעמען שרעקליכע אַנטיסעמיטיזם, און אויב אַזוי, איז אונזער אָרט נישט דאָ אין אייראָפּע, מיר גייען קיין ארץ ישראל... מ'לאָזט איבער אַלעס, די קהילה, די משפחה-קרובים, די דירה, און די פרנסה, און מ'גייט אַרויף קיין ארץ ישראל.

אַנדערע אידן פון דער פרעשבורגער קהילה, האָבן פרובירט אָפּרעדן זיין טאַטן נישט צו נעמען אזא דראַסטישן שריט, און איהם געזאָגט, אין ארץ ישראל איז דאָך נישט דאָ וואָס צו עסן, און דאָ האָט איר פרנסה, ישוב הדעת, און נחת פון די קינדער. דער טאַטע האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינעם: מ'לאָזט אַלעס איבער. 'אומר ועושה', מ'האָט אַלעס פאַרקויפט און עולה געווען קיין ארץ ישראל.

עטליכע יאָר שפעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט דער גרויסער נס פון דער ליבערמאַן-פאַמיליע, ווען ליידער זענען דער גרעסטער טייל פון די אונגאַרישע אידן אומגעקומען על קידוש השם, הי"ד, און די ליבערמאַן משפחה איז געבליבן לעבן בעזהי"ת און אויפגעשטעלט הערליכע דורות לשם ולתפארת - אַלעס אין זכות פון **יענעם 'קלינגענדיגן' פאַטש אין פנים** וואָס יאָסל האָט באַקומען פון דעם יונגען שייגעץ... מ'האט געזעהן קלאָר אַז דער פאַטש איז געווען אין שליחות פונעם באַשעפער, כדי צו ברענגען די רעטונג פון די גאַנצע משפחה.

מיר ווילן צוגעבן, **אויב אַ דעם פאַטש פון אַ גוי קען מען זאָגן אַז עס האָט געראַטעוועט אַ גאַנצן דור, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי יעדער פאַטש וואָס דער אויבערשטער כביכול בכבודו ובעצמו גיט ח"ו, אַלע סאָרטן 'פעטש' זענען אַוודאי לטובה.**

הרב הגאון רבי יהודה אריה דינר שליט"א, רב פון בית המדרש 'דברי שיר' אין בני ברק יצ"ו, דערציילט די וואונדערליכע געשיכטע פון אַ טייערן איד, רבי יצחק הירש ז"ל, וועלכער האָט געדאַוונט ביי איהם אין שול, און איז נפטר געוואָרן בשיבה טובה פארגאנגענעם יאר, פרשת קרח תשפ"ד, אין הויכן עלטער פון 102 יאָר.

דערציילט הרב דינער, אַז רבי יצחק הירש איז אַרויפגעקומען פון דייטשלאַנד קיין ארץ ישראל אין יאָר תרח"ץ, זייענדיג 16 יאָר אַלט. ער איז אַרויף קיין ארץ ישראל, ווייל אין דייטשלאַנד זענען דאַן שוין געווען אין שוואונג די

שווערע גזירות קעגן די אידן, און אין דעם איז געווען אַריינגערעכנט די גזירה קעגן כשר'ע שחיטה. די הירש משפחה האָט געוואָלט האָבן כשר פלייש (אויף שבת און יום טוב א.ד.ג.), און זיי האָבן אַלזאָ פאַרלעצט דאָס געזעץ און גע'שחט'ן פלייש אין געהיים. עמיצער האָט זיי פאַר'מסר'ט, און זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן און געשטעלט געוואָרן צו אַ משפט, וואו דער ריכטער האָט געאורטיילט צו פאַרטרייבן די פאַמיליע פון לאַנד.

ס'איז זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז בשעת מעשה איז דער 'אורטייל' געווען אַ שווערער גזירה פאַר די משפחה, איבערצולאָזן די קהילה, די משפחה, און אַרויפגיין קיין ארץ ישראל בחוסר כל. לאחר המעשה, האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט די גרויסע טובה דערפון, אַז אַזוי זענען זיי נאָך אָנגעקומען רואיג אין ארץ ישראל איידער מ'האָט דאָרט פאַרמאַכט די טויערן, און די גאַנצע משפחה איז ב"ה געבליבן לעבן.

פון די מעשה זעהען מיר אויך די פאַרווירקליכונג פון די ווערטער פון חז"ל, 'אין אדם שומע לי ומפסיד'. אַ איד וואָס פאָלגט דעם אויבערשטען און היט אָפּ די מצוות פון דער תורה, האָט קיינמאָל נישט שאָדן דערפון. די הירש-פאַמיליע האָט געהאַט מסירות נפש צו האָבן כשר'ע שחיטה, און אין דעם זכות האָט מען פון הימל צוגעפירט זייער רעטונג.

מיר געפינען ביי יתרו, זאָגט דער פסוק (שמות יח, א) 'וישמע יתרו וגו' את כל אשר עשה אלוקים למשה ולישראל עמו', און ער איז געגאַנגען אין מדבר און האָט זיך מגייר געווען. דאַקעגן, ביי בלק, זאָגט דער פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כב, ב-ג) 'וירא בלק בן ציפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי, ויגר מואב מפני העם מאד כי רב הוא'. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז בלק זאָל שיקן שליחים צו בלעם, ער זאָל קומען שעלטן די אידן. קומט אויס, אַז סיי יתרו, סיי בלק, האָבן געזעהן איין זאַך: די וואונדערליכע ניסים וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן צו די אידן, אַז זיי זאָלן קענען באַזיגן זייערע שונאים. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דאָס זעלבע 'זעהן' געפירט יתרו זיך מגייר צו זיין, און בלק, האָט גערופן בלעם'ען צו קומען שעלטן די אידן?

איז דער תירוץ, אַז יתרו האָט געהערט 'את כל אשר עשה אלוקים למשה ולישראל עמו, כי הוציא ה' את ישראל ממצרים'. דאָס מיינט, ער האָט פאַרשטאַנען און 'דערהערט' אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס האָט געוויזן אַלע וואונדערליכע ניסים, און ער האָט אַרויסגענומען די אידן פון מצרים. און וויבאַלד ס'איז איהם געוואָרן קלאָר אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט, האָט ער פון דעם פאַרשטאַנען אַז ער דאַרף פרובירן זיך דערנענטערן צו דעם אויבערשטען, און אַזוי איז טאַקע געווען. בלק האָט אָבער געזעהן וואָס די 'אידן' האָבן געטוהן צו די אמוריים - את כל אשר עשה 'ישראל' לאמורי. ער האָט געמיינט אַז די אידן זענען שטאַרקע מענטשן, און זיי האָבן באַזיגט סיחון מלך האמורי מיט זייער אייגענעם כח, און פאַר דעם האָט ער מורא געהאַט, און ער האָט געשיקט רופן בלעם'ען, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז בלעם איז שטאַרקער פון זיי...

איינער וואָס האָט אמת'ע אמונה, האָט נישט מורא פאַר קיינעם אויף דער וועלט, און אויך אויב עמיצער וויל איהם שעדיגן, ווערט ער נישט נתפעל דערפון, ווייל ער ווייסט אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. ער איז דער 'בורא ומנהיג לכל הברואים, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'. איינער וואָס ווייסט אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, ווערט נישט טרויעריג און ער טוט זיך נישט 'עסן דאָס האַרץ' אויף די טעותים וואָס ער האָט געמאַכט... ווייל ער גלייבט דאָך אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, און אויך יענע 'טעותים' זענען געווען לויט די גזירה פון הימל.

כ"ק אדמו"ר מקאלוב שליט"א (לרפו"ש) האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כג, יט) 'לא איש א-ל ויכזב ובן אדם ויתנחם'. דער מענטש וואָס גלייבט אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס, מאַכט נישט קיין השתדלות וואָס מ'טאָר נישט מאַכן, ווי גניבה און גזילה, און רמאות א.ד.ג., ווייל ער ווייסט דאָך אַז זיין גאַנצע פרנסה איז פאַרשריבן פון ראש השנה, און ער וועט נישט קענען פאַרדינען אַפילו איין פרוטה וואָס איז נישט באשערט פאַר איהם. אויך האָט ער נישט קיין חרטה אויף עפּעס וואָס ער האָט געטוהן, ווייל ער ווייסן דאָך אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, און דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין זיין האַרץ דעם געדאַנק צו טוהן אַזוי אָדער אַזוי, כדי צו ברענגען צום תכלית פון די זאַך וואָס דער אויבערשטער, דער 'מסבב כל הסיבות', האָט גוזר געווען. איינער וואָס גלייבט אָבער נישט באמת אין באַשעפער, נאָר עס דאַכט זיך איהם אַז 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה', מיינט אַז ער קען פאַרדינען מער געלט דורך גנב'ענען אָדער אויסנאַרן און זאָגן ליגן כדי צו פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן. אויך האָט ער אייביג חרטה, פאַרוואָס ער האָט געטוהן אַזוי, און נישט אַנדערש, ווייל ער איז דאָך זיכער אין זיך אַז 'ער' פירט די וועלט...

ממולי. ועתה לכה נא ארה לי את העם הזה' וגו'. די קליפה פון בלק און בלעם איז געווען, אַז דער מענטש זאָל אָנהענגען אַלעם וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, אַז עס איז מיט'ן דרך הטבע, און אַז עס ווערט געטוהן דורך די מענטשן.

**דאָס** האָט ער געזאָגט: 'הנה עם יצא ממצרים' - 'זיי' זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים מיט זייער אייגענעם כח, אָבער ביי די אידן, איז דער אמת געווען, אַז 'הנה כסה את עין הארץ' - זיי טוהען פאַרדעקן דעם 'ערדישן בליק'. זיי טוהען נישט אָנהענגען אַלע פאַסירונגען אין די טבע פון דער וועלט, נאָר זיי גלייבן אַז אַלעם איז פון הימל.

**אָט** די דאָזיגע אמונה, האָט דער רשע בלק נישט געקענט פאַרטראָגן, און צוליב דעם האָט ער געשיקט רופן בלעם צו שעלטן די אידן ח"ו.

**לויט** דעם, טייטשן די ספרים אויף דעם המשך פונעם פסוק 'והוא יושב ממולי', וואָס רש"י טייטשט דאָס וואָרט 'ממולי', פון לשון צעשניידן, אַזוי ווי 'כי אמילם' (תהלים קיח, י). דאָס מיינט, מיט די דאָזיגע אמונה האַלטן זיי מלחמה מיט מיר, און זיי טוהען מיך צערייבן אויף פיין-פיצלעך, ווייל אמונה פשוטה איז בכח צו פאַרשניידן אַלע שונאים און מזיקים[2].

**למה הכיתני - מחלוקת איז אַ גרעסערע עבירה ווי עבודה זרה**

**'ותאמר** האתון אל בלעם, הלוא אנכי אתונך אשר רכבת עלי מעודך עד היום הזה, ההסכן הסכנתי לעשות לך כה, ויאמר לא' (כב, ל).

**זאָגט** דער ילקוט שמעוני (פמ"ה, רמז קנב), אַז בלעם, דער חכם פון די אומות העולם, האָט נישט געקענט ביישטיין די 'דברי מוסר' פון זיין אייזל, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט 'ההסכן הסכנתי לעשות לך כה, ויאמר לא'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ 'מוסר-רייד' זענען געווען די ווערטער וואָס דאָס אייזל האָט געזאָגט צו בלעם, 'ההסכן הסכנתי לעשות לך כה'? [און ווי עס ווייזט אויס, איז דאָך דער עיקר פון די מוסר געווען וואָס דאָס אייזל האָט געזאָגט 'למה הכיתני'. אויב אַזוי,

---

דאָס אַלעס איז מרומז אין דעם פסוק 'לא איש א-ל ויכזב, ובן אדם ויתנחם'. איינער וואָס איז אין אַ מצב פון 'לא איש א-ל' - ער לעבט נישט מיט דעם אויבערשטען, אַזאַ איינער 'ויכזב' - וועט ער אָנקומען צו זאָגן ליגן ח"ו און ער וועט נישט האַנדלען ערליך מיט אַנדערע מענטשן. 'ובן אדם' - אויב ער מיינט אַז דער מענטש פירט די וועלט... 'ויתנחם' - האָט ער אייביג חרטה אויף פאַרשידענע זאַכן וואָס ער האָט געטוהן, מיינענדיג אַז ער האָט געקענט טוהן אַנדערש, וואָס וואָלט אויסגעקומען בעסער פאַר איהם...

**מן הבאר**

דער זלאָטשובער מגיד, הרה"ק רבי מיכל'ע זי"ע האָט געזאָגט: דער מענטש האָט נישט וואָס צו דאגה'ן, ווייל ממה נפשך, אויב ער קען עס מתקן זיין, זאָל ער עס טוהן, און ממילא, האָט ער דאָך נישט וואָס צו דאגה'ן... און אויב ער קען נישט ענדערן די ווירקליכקייט, וועט די זאָרג איהם נישט העלפן...

**ב.** אַ מורא'דיגע מעשה וואָס ווייזט ווי אַזוי אין זכות פון אמונה פשוטה און דאָס לעבן מיט די אמונה אַז 'אין עוד מלבדו', דערציילט הגה"צ רבי אריה שעכטער זצ"ל ('אריה שאג', פ' ויקהל), ווי אַזוי זיין משפחה איז געראַטעוועט געוואָרן פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, אין יאָר תר"צ, עטליכע יאָר איידער די נאַציס ימ"ש זענען געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. זיין מאמע האָט געפעלשט 'געבורט סערטיפיקאַטן', וואָס האָבן געוויזן אַז זי און איר מאַן זענען געבוירן געוואָרן אין אונגאַרן, ווייל אָן אַזעלכע סערטיפיקאַטן, וואָלטן מען זיי אַרויסגעטריבן פון אונגאַרן, און פוילן וואָלט זיי נישט אַריינגעלאָזט. די באַאמטע האָבן אָבער אויסגעפונען וועגן דער פעלשונג. מ'האָט אַדורכגעפירט קעגן זיינע עלטערן גריכטליכע פראָצעסן וואָס האָבן געדויערט אַ לאַנגע צייט, און עס האָט זיי געדראָט שווערע טורמע טערמינען רח"ל.

די פראָצעסן האָבן געדויערט אַרום אַכט יאָר, און ווען ס'איז געקומען נאָנט צום טאָג פונעם אורטייל, האָט זיין טאטע געפרעגט זיין אַדוואָקאַט, וואס עס זעהט אויס אין זיינע אויגן דער אורטייל וואָס ער וועט ענדגילטיגן

פאַרוואָס ברענגט דער ילקוט שמעוני די 'סיפא' פון **ענטפערט** דער גאון רבי אברהם פאַם זצ"ל, ראש
אירע ווערטער, 'ההסכן הסכנתי לעשות לך כה']. ישיבה פון ישיבת 'תורה ודעת' אין

---

באַקומען. האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט, אַז אויב מ'וועט באַווייזן צו פאַרקלענערן דעם גזר דין אויף זעקס יאָר אַרעסט וועט דאָס זיין אַ גרויסע הצלחה. ווען רבי יעקב שעכטער ז"ל, דער פאָטער פון רבי ארי', האָט געהערט דעם ענטפער פונעם אַדוואָקאַט, האָט ער איהם געבעטן צו נעמען פון איהם זיין געהאַלט וואָס עס קומט איהם פאַר'ן פאַרטרעטן איהם אין געריכט, אָבער ער זאָל בלייבן זיצן אינדערהיים, און נישט קומען אין געריכט אַריין...

דער אַדוואָקאַט האָט זיך זייער געוואונדערט אויפ'ן באַשלוס פון זיין קליענט, אָבער ער האָט באַערט זיין ווילן. וועלכער אַדוואָקאַט וואָלט נישט געקענט באַשטיין צו ווערן באַצאָלט פאַר דער 'ארבעט', אן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן פאַרברענגען צייט מיט ערשיינען אין געריכט...

אין טאָג פונעם ענדגילטיגן אורטייל, איז רבי יעקב ערשינען אין געריכט אַליין, אָן דעם אַדוואָקאַט. אויף די פראַגע פונעם שופט וואו איז דיין אַדוואָקאַט, ווער וועט פאַרלייגן דיינע טענות... האָט ער געענטפערט אין אַ רואיגן טאָן און פול מיט בטחון, אַז ער נויטיגט זיך נישט אין אַן אַדוואָקאַט... ער קען זיך אַליין פאַרטרעטן... האָט דער ריכטער איהם געפרעגט, אויב אַזוי, לאָמיר הערן, וואָס איז דיין פאַרטיידיגונג. האָט ר' יעקב שעכטער געענטפערט מיט אַ זיכערן טאָן פון בטחון, דער אויבערשטער פירט די וועלט, און ער איז דער וואָס גיט אַריין אין מוח און אין מויל פון די געעהרטע ריכטער וואָס צו טראַכטן און וואָס צו זאָגן... ממילא, ווענד איך זיך צום באַשעפער, אַז ער זאָל אַריינגעבן אין די מוחות פון די געעהרטע ריכטער מיך ריינצוואַשן ביים משפט, און אַרויסגעבן אַ משפט וואָס איז 'אמת לאמיתה'...

און רבי אריה ז"ל האָט אויסגעפירט: איז דען דאָ אַ גרעסערער אויסרוף פון 'אין עוד מלבדו' ווי דאָס... נאָך אַזוי פיל ליידן אין משך פון אַכט יאָר, זיצונגען מיט'ן אַדוואָקאַט, ערשיינונגען אין די געריכטן, געזעסן אין טורמע און זיין טאַטע האָט געוואוסט אַז דאָס איז דער לעצטער אַנטשיידענדער משפט, און מיט דעם אלעם, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין געריכט און אויסגערופן אין די אויערן פונעם ריכטער אָן קיין מורא, אַז ער פאַרלאָזט זיך נאָר אויף דעם באַשעפער פון דער וועלט, און ער פאַרזיכערט זיך אויף זיין באַשלוס אַז דאָס וועט זיין די גרעסטע טובה פאַר איהם.

אַן ערשטוינטער, האָט דער ריכטער געמאָלדן אַ קורצן איבעררייס אין געריכט, ווייל ער דאַרף זיך באַרואיגן... אַ פערטל שעה שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און געמאָלדן מיט באַגייסטערונג, 'הער שעכטער, דו ביזט אַ מענטש מיט אַן אינטערעסאַנטן כאַראַקטער, איך טוה דיך ריינוואַשן פון יעדער שולד... דו ביזט פריי...'. ער האָט אַפילו אויסגערופן הויך דעם אורטייל וואָס טוט ריינוואַשן דעם גע'משפט'ן, אָבער ער האָט צוגעגעבן, אַז ער גיט איהם צייט ביז אַ יאָר אויפצוגעבן זיינע געשעפטן אין אונגאַרן, און פאַרלאָזן אונגאַרן אויף אייביג...

דער משפט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאָר תרח"ץ, אַ יאָר פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען ס'איז געוואָן כמעט אוממעגליך צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט אַריינצוקומען אין ארץ ישראל אָדער אין אַמעריקע. האָט ר' יעקב געבעטן ערלויבעניש צו זאָגן נאָך אַפּאָר ווערטער, און זיך געוואָנדן צום ריכטער און איהם געזאָגט: דו באַפעלסט מיך צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָבער קיין איין לאַנד וועט דאָך נישט אַריינעמען מיך און מיין משפחה... האָט דער שופט געענטפערט: ביזט גערעכט, און איך טוה באַאויפטראַגן די רעגירונג פון אונגאַרן צו ערלעדיגן פאַר דיר און דיין גאַנצע משפחה, וויזעס קיין אַמעריקע, אָדער סערטיפיקאַטן קיין ארץ ישראל... אַ יאָר שפּעטער, ד' ניסן תרצ"ט, איז די משפחה אָנגעקומען אין ארץ ישראל.

יאָ, רבי יעקב שעכטער האָט געגלייבט באמונה שלימה אַז 'אין עוד מלבדו', קיין שום זאַך האָט איהם נישט צעטומלט, און איהם נישט אַוועקגעריסן פון די דאָזיגע פלאַמיגע אמונה. ער האָט טאַקע זוכה געוועזן צו זעהן בחוש די השגחה פרטית און וואונדערליכע ניסים זיין גאַנץ לעבן.

דריי יאָר נאָך זייער אַרויפקומען אין ארץ ישראל, האָט די גאַנצע וועלט שוין געוואוסט פון דעם גרויסן בראַך, אַז ליידער איז דער גרעסטער טייל פון יהדות אייראָפּע אומגעקומען אין ביטערן חורבן פון דער צווייטער וועלט מלחמה, איינגעשלאָסן די מערסטע קרובים פון דער שעכטער משפחה. ר' יעקב און זיין פרוי און קינדער זענען אָבער געראַטעוועט געוואָרן ממות לחיים אין זכות פון זיין אמונה און בטחון.

אַמעריקע, אַז דאָס אייזל האָט גע'טענה'ט מיט בלעם, 'למה הכיתני' - צי האָב איך דיר דען שוין געטוהן אַזאַ זאַך אַפילו איינמאָל, אָפּצונייגן פון וועג, און צודריקן דיינע פיס צום צוים? נאָר וואָס דען, על כרחך מוז דאָך זיין אַז איך האָב אַ גערעכטע סיבה פאַרוואָס איך בין געווען געצוואונגען זיך אַוועקצודרייען פונעם וועג. אויב אַזוי, 'למה הכיתני' - פאַרוואָס האָסטו נישט געטראַכט וועגן דעם? אַזעלכע אמת'דיגע דברי מוסר, האָט בלעם נישט געקענטביישטיין.

פון דעם האָט רבי אברהם פאַם אַרויסגעלערנט אַ גרויסן יסוד. אויב דער מענטש זעהט אַז זיין חבר פירט זיך מיט איהם אויף אַ נישט שיינעם אופן, אַנדערש ווי זיין געוועהנליכער שטייגער, זאָל ער זיך נישט קריגן מיט איהם, נאָר ער זאָל גוט אַריינטראַכטן און נאָכפאָרשן די סיבה פאַרוואָס יענער האָט זיך אַזוי געטוהן[ג]. דאַן וועט ער פאַרשטיין אַז עפּעס 'דריקט' איהם, און נאָר צוליב דעם האָט ער אַזוי געטוהן. ממילא, דאַרף ער זיך משתדל זיין איהם צו באַרואיגן און אַרויסנעמען פון

---

**ג.** אויב עס דאַכט זיך פאַר איינעם אַז אַ צווייטער האָט איהם געטשעפּעט אָדער זיך אויפגעפירט נישט שיין, דאַרף מען גוט פאָרשן די זאַך, ווייל ער האָט דאָך איהם קיינמאָל נישט געטוהן אַזאַ עוולה, און עס לייגט זיך נישט אויפ'ן שכל אַז ער האָט סתם אַזוי 'באַשלאָסן' דיך צו באַ'עוול'ען אָן אַ סיבה... נאָר אָפט מאָל ווען מ'טראַכט גוט אַריין, זעהט מען אַז בעצם 'לא היו דברים מעולם'. קיינער האָט איהם נישט געטשעפּעט, עס **דאַכט זיך** איהם נאָר אַז מ'האָט איהם געטשעפּעט.

זייער אָפט, איז דער גאַנצער 'בנין' פון די מחלוקת געבויט אויף די 'יסודות' פון **אַ טעות און דמיון**, נאָר דער שטן וויל נישט דורכלאָזן יעדע מעגליכע געלעגנהייט אָפּצושטעלן דעם פייער פון מחלוקת ח"ו, און דעריבער גיט ער נישט פאַר דעם מענטש קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם טעות, און אַזוי ווערן ליידער אַסאַך אידן אַריינגעכאַפּט אין די צרה פון מחלוקת און אירע נאָכפאָלגן, צוליב אַ פאַלשן טעות ביים אָנהייב פון די קריגעריי. איינער איז בייז אויפ'ן חבר אַז ער האָט איהם נישט איינגעלאַדן צו זיין זון'ס חתונה, וואָס יענער האָט באמת גאָרנישט געמיינט, נאָר ס'האָט מסתמא פּאַסירט אַ טעות אין די ליסטעס פון די הזמנות, אָדער די איינלאַדונג איז אָנגעקומען שפּעט, אָבער ער איז שוין אין אַ מחלוקת מיט יענעם, און יענער 'צאָלט' איהם צוריק מיט 'תילי תילים' פון השערות, אַז ער פאַרשטייט פאַרוואָס יענער איז אין כעס אויף איהם, און אַזוי בויט מען אויף גאַנצע בערג פון קריגערייען, הם וכל הנלוים אליהם, אויף זאַכן וואָס באמת 'לא היו ולא נבראו', און עס איז זיי אפילו נישט איינגעפאַלן זיך צו קריגן. ס'איז 'שנאת חינם' כפשוטו...

דאָס לערנען מיר פון דער היינטיגער פרשה. בלק און זיין פאָלק האָבן זיך גוט דערשראָקן פון די אידן וואָס זענען געשטאַנען ביים גרעניץ פון זייער לאַנד, און זיי רופן בלעם זאָל קומען שעלטן די אידן איינמאָל און נאָך אַמאָל. בלק שיקט צו איהם 'שרים רבים ונכבדים', און טוט אַלע מעגליכע פּעולות אומצוברענגען אידישע קינדער ח"ו, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז זיי וועלן איהם 'אויפעסן': 'עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו כלחוך השור את ירק השדה'. באמת איז אָבער דאָס אַלעס געווען נאָר אַ פאַלשער פּחד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין ממשות, ווייל די אידן זענען דאָך שוין לאַנג באַפוילן געוואָרן נישט מלחמה צו האַלטן מיט זיי, ווי דער פּסוק זאָגט (דברים ב, ט) 'אל תצר את מואב'. די אידן האָבן אינגאַנצן נישט געטראַכט וועגן מלחמה האַלטן מיט מואב, אָבער ער, בלק, האָט 'איבערגעדרייט וועלטן', **אַלעס צוליב אַ טעות**.

אַזוי זעהט אויס דער מענטש ווען ער רעדט זיך איין אַז עמיצער וויל איהם חלילה שלעכטס טוהן, און ענליכע דמיונות, וואָס נעמט אַוועק זיין שלוות הנפש. ער קען נישט שלאָפן ביינאַכט. דאָס איז אָבער אַלץ נישט מער ווי אַ דמיון.

מ'דערציילט אַ 'מעשה', איינער האָט דרינגענד זיך גענויטיגט אין אַ סכום געלט. איז ער בלית ברירה געגאַנגען צו זיינס אַ גוטן פריינט, צו בעטן פון איהם אַ הלוואה. אויפ'ן וועג איז איהם 'איינגעפאַלן' אַ געדאַנק, אַז יענער וועט מסתמא איהם נישט וועלן באָרגן געלט, און ער וועט איהם צוריקשיקן מיט ליידיגע הענט. ער האָט אָבער באַלד אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק, ווייל פאַרוואָס זאָל זיין חבר איהם נישט וועלן טוהן די טובה. אויפ'ן גאַנצן וועג, האָט איהם אָבער געעגבערט דער פריערדיגער געדאַנק, און עס איז געוואָרן ממש אַ 'ווירקליכקייט'. ער האָט זיך אַזוי אויפגערעגט, טראַכנדיג ביי זיך, איך האָב איהם געטוהן אַזוי פיל טובות. טאָ פאַרוואָס טוט דער 'רשע' מיר

דעם מצב וואס דריקט אויף איהם. ער זאל אבער ח"ו נישט אנהאלטן די מחלוקת[ד], אויפרעגן יענעם, און רעדן[ה]

---

צוריקצאלן מיט א רעה תחת טובה. מה פשעי, ומה חטאתי... אזוי איז ער ווייטער געגאנגען אין וועג, זייענדיג 'אש להבה', אין כעס אויף די 'אומפארשעהמטקייט' פון זיין געוועזענעם פריינט, וואס שטייט איהם נישט צו דער האנט ווען ער געפינט זיך אין א קלעם.

אנקומענדיג צום הויז פון זיין חבר, האט ער אנגעקלאפט אויפ'ן טיר, און תיכף ווען די טיר האט זיך געעפענט, האט ער אויסגעשריגן מיט כעס: איך דארף נישט דיינע טובות... בארג מיר נישט קיין געלט... פון היינט און ווייטער, וויל איך דיך אינגאנצן נישט קענען... ער האט צוגעהאקט די טיר, אז מ'האט געהערט די קולות אויף די צווייט זייט פון דער גאס. יענער שטייט ערשטוינט, ער ווייסט נישט פון וואס זיין חבר רעדט. וואס פאר א 'הלוואה' איז איהם אריין אין קאפ...

**ד.** כאטש מיר האלטן שוין בע"ה ביי פרשת 'בלק', און נישט ביי פרשת 'קרח'... דארפן מיר אבער עוסק זיין אין די סוגיא פון זיך דערווייטערן פון מחלוקת, ווי עס שרייבט דער 'פרי מגדים', אין זיין ספר 'תיבת גמא' על התורה (ד"ה 'קהלת') אז מ'זאגט א הלצה, 'פרשה זו יפה נדרשת' (רש"י, אנהייב פרשת קרח). מיר ווייסן דאך, אז 'דבר בעתו מה טוב'. יעדע זאך לערנט מען אין זיין צייט, צום ביישפיל, צו רעדן וועגן הלכות פסח אין סוכות אדער פארקערט, איז עס נישט א 'דבר בעתו'. אבער **די 'פרשה' פון מחלוקת איז אייביג 'אקטועל': 'יפה נדרשת' - מ'קען אייביג רעדן וועגן דעם, ווייל עס איז אייביג 'בזמנו'**, עכ"ל.

## מן הבאר

די גמרא דערציילט (סנהדרין קה:) וועגן דעם 'משא ומתן', די טענות וואס בלעם הרשע האט געהאט מיט זיין אייזל. אין אנהייב האבן די שרים פון מואב איהם געפרעגט, פארוואס ער רייט נישט אויף א פערד, נאר אויף אן אייזל, און בלעם האט זיי געענטפערט, אז באמת רייט ער אייביג אויף א פערד, נאר יעצט טוט דאס פערד זיך פאשען אויפ'ן פעלד, און צוליב דעם האט ער גערארפט רייטן אויף אן אייזל. האט דאס אייזל געעפענט איר מויל און געזאגט, **'הלא אנכי אתונך'**. האט בלעם זיך אנטשולדיגט און געזאגט, אז ער האט גענומען דאס אייזל כדי אנצולאדן אויף איר פעקלעך. דאס אייזל האט אבער געזאגט, **'אשר רכבת עלי'**. דו טוסט מיך נישט נוצן כדי אנצולאדענען אויף מיר דיינע פעק, נאר כדי צו רייטן אויף מיר. האט בלעם געזאגט, אז דאס איז נאר געווען א 'צופאל'. דאס אייזל האט אבער ווייטער גע'טענה'ט, אז בלעם זאגט ליגן, נאר ער רייט אויף איר אלעמאל: **'מעודך עד היום הזה'**, און אזוי האט זי פארגעזעצט אויסצוזאגן אלע 'סודות' פון זיינע מעשים תעתועים, און בלעם האט געליטן דערפון גרויסע בזיונות, אזוי ווי די גמרא דערציילט דארט.

קומט אויס, אז אויב בלעם וואלט געשוויגן באלד ווען דאס אייזל האט געזאגט 'הלא אנכי אתונך', וואלט עס נישט געגאנגען אזוי ווייט אז ער זאל פארשעמט ווערן ברבים. ער וואלט זיך איינגעשפארט די אלע בזיונות, נאר וויבאלד ער האט געשפירט אז **ער 'מוז האבן' דאס לעצטע ווארט**, האט ער באצאלט 'כפל כפליים'...

פון דעם לערנען מיר, אז **דער וואס איז א 'מעביר על מדותיו', און ענטפערט נישט ווען יענער פארשעמט איהם, איז אויסער דעם גוטן שכר וואס ער וועט באקומען דערפאר פון הימל, שפארט ער זיך אויך אסאך הארץ-ווייטאג...**

די משנה זאגט (אבות פ"א, מט"ז) רבי גמליאל האט געזאגט, 'עשה לך רב, והסתלק מן הספק'. דערנאך זאגט די משנה (משנה י"ז) 'שמעון בנו אומר, כל ימי גדלתי בין החכמים, ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה'. דאס הייסט, אויב דו וועסט האבן א ספק ווער ס'איז דער אמת'ער רבי ('עשה לך רב'), וועסטו אפשר זאגן, ווי אזוי קען איך דען וויסן ווער ס'איז דער אמת'ער רבי, איך ווייס דאך נישט. אויף דעם זאגט זיין זון רבי שמעון: 'כל ימי גדלתי בין החכמים, ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה'. איך האב זיך 'געדרייט' צווישן חכמים און ערליכע אידן, און איך האב געזעהן אז דער וואס שווייגט איז דער גרעסטער. איהם האט דער אויבערשטער אויסגעוויילט אלס 'רבי'...

אויף איהם שלעכטס, אָדער איהם צו פאַרשעמען און האַלטן אויף איהם אַ שנאה אין האַרץ. אדרבה, ער דאַרף איהם שטאַרקן און איהם שטיין צו דער האַנט און אַרויסהעלפן[י].

---

דער גאון רבי נתן געשטעטנער זצ"ל פלעגט זאָגן, אין נאָמען פון דעם גאון בעל 'חזון איש' זי"ע, עס זענען דאָ צוויי זאַכן וואָס אויף זיי האָט דער מענטש קיינמאָל נישט חרטה אַז ער האָט עס געטוהן: **א.** לימוד התורה. **ב.** שווייגן...

**ה.** אַ איד האָט זיך אַמאָל אַראָפּגעריסן פון האַרצן פאַר הגה"צ רבי נפתלי אַמסטערדאַם זצ"ל (פון די גרויסע תלמידים פון דעם גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל), אַז זיין 'שלום בית' וואַקעלט זיך זייער שטאַרק, נאָר צוליב אַ געוויסע סיבה קען ער נישט געבן אַ גט פאַר זיין פרוי. בעט ער דעריבער פון רבי נפתלי אַמסטערדאַם, ער זאָל זיך צושטעלן אונטערצושרייבן אַ פאַר איהם 'היתר מאה רבנים' (מן התורה, מעג אַ איד האָבן צוויי פרויען, נאָר רבינו גרשום האָט געמאַכט אַ 'חרם' נישט צו נעמען אַ צווייטע פרוי, און אויף דעם העלפט דער 'היתר מאה רבנים', מתיר צו זיין דעם 'חרם', אין פאַל מ'קען נישט געבן אַ גט). **דערביי** האָט דער מאַן 'געגאָסן פעך און שוועבל', אויסרעדנדיג 'כל דבר אסור' אויף זיין פרוי... האָט רבי נפתלי אַמסטערדאַם איהם געזאָגט:

- אינטערעסאַנט. מענטשן זוכן אַ 'היתר מאה רבנים', כדי מתיר צו זיין צו נעמען אַ צווייטע פרוי, וואָס אין סך-הכל איז נישט דאָ דערין אַן איסור דאורייתא, נאָר ס'איז אַ 'חרם דרבינו גרשום'. אָבער רעדן לשון הרע אויף אַ צווייטן, וואָס איז, בלי שום ספק, אסור מדאורייתא, אויף דעם זוכט מען נישט קיין היתרים (אַפילו נישט ביי איין רב...).

**ו.** שבת פרשת קרח תשפ"ד, איז נסתלק געוואָרן איינער פון די גרעסטע מרביצי תורה בדורינו, הגה"צ רבי שמעי' גרינבוים זצ"ל, דער מחבר פון די ספרים 'סייעתא דשמיא' על התורה און אויף ששה סדרי משנה, וואָס זענען פאַרשפרייט געוואָרן ביי רבבות אלפי ישראל. דאָס איז צושטאַנד געקומען אין זכות פון **איין גוטע זאַך** וואָס איז געטוהן געוואָרן מיט אַן ערליכע כוונה, אַרום 65 יאָר צוריק, און דאָס האָט מעודד געווען רבי שמעיה'ן פאַרצוזעצן שטייגן אין זיינע לימודים, אַלעס אין זכות פון אַ מעשה טוב פון הרה"ח רבי ישראל פאַלקאָוויטש שליט"א.

דער דאָזיגער 'סוד' איז באַקאַנט געוואָרן עטליכע יאָר צוריק, שנת תשפ"א, ווען רבי ישראל איז ליידער אָפּגעלעגן לאַנגע חדשים אין שפּיטאָל מיט'ן 'קאָוויד' ווירוס ל"ע, וואָס האָט איהם פאַרשאַפן שווערע יסורים רח"ל ביז ער איז ב"ה ענדליך צוריקגעקומען אַהיים געזונטערהייט. איין טאָג, ווען ער איז נאָך געווען אין אַ שווערן מצב האָט רבי שמעיה גרינבוים טעלעפאָנירט צו ר' ישראל און איהם דערציילט, אַז אויך ער איז געווען עטליכע וואָכן צייט אין זעלבן שפּיטאָל מיט'ן ווירוס, ביז ער איז אויסגעהיילט געוואָרן, און די משפחה איז געקומען איהם נעמען אַהיים. מיט דעם האָט רבי שמעיה געוואָלט מקיים זיין די מצוה פון 'ביקור חולים', און געוואונטשן פאַר רבי ישראל וואַרימע ברכות פון טיפן האַרצן.

די משפחה פון רבי שמעיה האָט זיך געוואונדערט, וואָס האָט ער מיט רבי ישראל פאַלקאָוויטש. פאַרוואָס האָט ער איהם יעצט טעלעפאָנירט צו איהם, ווייל זיי האָבן נישט געוואוסט אַז עס איז דאָ עפּעס אַ ספּעציעלער קשר צווישן זיי. האָט רבי שמעיה זיי געזאָגט: אַלעס צו וואָס איך האָב זוכה געווען, איז אין זכות פון רבי ישראל פאַלקאָוויטש... איך בין איהם שולדיג אַ 'הכרת הטוב', פאַר די טויזנטער שיעורים וואָס איך האָב שוין פאַרגעלערנט אין משך פון די יאָרן, און פאַר די ספרים וואָס איך האָב זוכה געווען אָפּצושרייבן און אַרויסצוגעבן - אַלעס, אין זיין זכות.

די משפחה האָט זיך שטאַרק געוואונדערט דערויף. זיי האָבן נישט געוואוסט פון אַ 'הכרת הטוב', וואָס רבי שמעיה איז שולדיג פאַר רבי ישראל פאַלקאָוויטש. ס'איז טאַקע נישט אָנגעקומען לייכט אויסצוגעפינען דעם זעכציג-יעריגע סוד, אָבער צום סוף איז דער סוד אַנטפּלעקט געוואָרן. די מעשה איז געווען ווי פאָלגענד:

אין יאָר תש"כ, איז פאַרגעקומען די בר מצוות פון די קינדער פונעם 'ערשטן דור', פון די אודים מוצלים מאש, אידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די ביטערע מלחמה. ביי דעם מלמד הגה"ח רבי יונה גלויבער ז"ל, אין די סאַטמאַרער תלמוד תורה אין וויליאַמסבורג, האָבן געלערנט מער ווי 20 תלמידים. יעדער תלמיד אין די כתה, איז געווען אַ טרייסט פאַר זיין טאַטע-מאַמע, וואָס האָבן ליידער איבערגעלאָזט קינדער 'דאָרט', ווייט אַוועק... אין יענע יאָרן, האָט יעדע בר מצוה שמחה אַרויסגערופן גרויס התרגשות ביי אַלעמען - אַסאַך מער ווי אַ חתונה היינטיגע

צייטן. יעדע אידישע שמחה האָט געדינט אַלס לעבעדיגער עדות אַז 'נצח ישראל לא ישקר'. מ'האָט באַשטעלט אַ זאַל, צוגעגרייט אַ פשט'ל פאַר דעם בר מצוה בחור, און אַלע זיינע חברים זענען געקומען זיך מיטפרייען מיט די שמחה, אַזוי ווי מחותנים. מ'האָט געגעבן אַ מתנה פאַר דעם בר מצוה בחור, א.א.וו.

אין יענע כתה האָט געלערנט איין יונגל, מיט'ן נאָמען שמעיה גרינבוים, וואָס ער איז אַ קורצע צייט פריער אָנגעקומען מיט זיין משפחה פון פראַנקרייך קיין אַמעריקע. ער איז געווען אַ גרויסער מתמיד. אויך ביי די 'הפסקות' איז שמעיה געבליבן לערנען אין קלאַס, און זיך נישט געשפילט מיט זיינע חברים. ביינאַכט איז ער געזעסן אינדערהיים און געלערנט בהתמדה, און איז ביז אַ קורצע צייט געוואָרן דער 'שפיץ' פון די קלאַס. ער האָט אָבער נישט געהאַט אַ שטאַרקן קשר מיט זיינע חברים, און ער פלעגט זיך אויך נישט באַטייליגן אין זייערע בר מצוה שמחות, צוליב 'ביטול תורה'.

דאָס האָט ווייט געטוהן פאַר אַסאַך פון זיינע חברים, פאַרוואָס ער נעמט נישט אנטייל אין די שמחות פון די יונגלעך אין זיין קלאַס. גאַנץ מעגליך אַז אין דעם האָט אויך געשטעקט אַ פונק פון קנאה, איבער זיין געוואַלדיגע התמדה. אַלענפאַלס, די אַנדערע קינדער פון די קלאַס האָבן באַשלאָסן, אַז ווען שמעי' וועט ווערן בר מצוה, וועט אַפילו איינער פון די קינדער פון די קלאַס, זיך נישט באַטייליגן אין זיין שמחה. 'לקיים מה שנאמר', וואָס מיר זאָגן 'והשבות לו גמולו בראשו', און 'כאשר עשה כן יעשה לו'...

אַזוי האָבן זיי טאַקע געטוהן. ווען רבי שמעי' גרינבוים איז געוואָרן בר מצוה, האָבן זיינע חברים נישט געקויפט פאַר איהם אַ מתנה, און זיך נישט געגרייט אנטייל צו נעמען אין זיין שמחה, אויסער איינער: דאָס יונגל ישראל פאָלקאָוויטש, וועלכער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן אַזאַ מיאוס'ע התנהגות, צו פאַרשעמען אַ בר מצוה בחור, פאַר דעם ווייל ער איז אַ מתמיד און ירא שמים... ער האָט באַשלאָסן - 'היה לא תהיה'. מיר וועלן נישט לאָזן פאַרשעמען אונזער'ס אַ חבר, אין טאָג פון זיין שמחה.

ישראל פאָלקאָוויטש איז געגאַנגען פון איין יונגל צום אַנדערן, און האָט פרובירט זיי צו איבערעדן צו קומען צו שמעיה'ס בר מצוה. ער האָט זיי אַלע איבערצייגט, אַז כאָטש ער קומט נישט צו אונזערע שמחות, טאָרן מיר נישט פאַרשעמען אַ חבר, אַ מתמיד, בלויז צוליב זיין 'חטא' וואָס ער לערנט אַזוי בהתמדה. ער האָט טאַקע באַוויזן צוזאַמענצונעמען אַ טייל פון די חברים, וואָס האָבן אפילו געקויפט צוזאַמען אַ קליינעם ש"ס... און צום סוף - הערנדיג אַז אַ טייל פון זייערע חברים וועלן קומען צו די בר מצוה - זענען אַלע תלמידים פון די כתה געקומען צו די בר מצוה. די שמחה איז געווען ממש 'ביז'ן הימל'. דער חתן הבר מצוה איז געווען איבערגליקליך, און עס האָט זיך דערקענט אויף זיין שיינענדיג פנים.

יאָרן שפּעטער, ווען אַלע האָבן שוין פאַרגעסן דערפון, און רבי ישראל פאָלקאָוויטש איז שוין געווען אַ יונגערמאַן נאָך די חתונה, איז ער אַמאָל אַריינגעקומען אין געשעפט פון הרה"ח ר' יודל גרינבוים ע"ה. ווען ר' יודל האָט געהערט ווער עס איז געקומען 'באַזוכן' זיין געשעפט, האָט ר' יודל זיך אָנגערופן צו ר' ישראל:

- נאָר אין דיין זכות, האָב איך אַ זון ווי רבי שמעיה...

בשעת מעשה, האָט ר' ישראל נישט פאַרשטאַנען וואָס ר' יודל מיינט צו זאָגן. האָט ר' יודל איהם געזאָגט:

- וויסן זאָלסטו, אַז ווען מיין זון שמעיה האָט געהערט אַז זיינע חברים האָבן באַשלאָסן נישט זיך צו באַטייליגן אין די שמחה פון זיין בר מצוה, האָט ער עס אָנגענומען זייער שווער. 'זו תורה וזו שכרה?'. צי דען קומט מיר אַז צוליב מיין התמדה און יגיעת התורה, זאָלן מיינע חברים מיך איגנאָרירן אויף אַזוי ווייט, אַז איך זאָל זיין דער איינציגער בחור פון די גאַנצע כתה, וואָס ער האָט נישט קיין חברים ביי זיין בר-מצוה... ער האָט שוין שיער באַשלאָסן חלילה אָפּצולאָזן אַלעס, די לימודים און די התמדה. אָבער אין דער סעקונדע ווען דו ביזט אַריינגעקומען מיט די חברים צו די בר מצוה, האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן. דאָס האָט איהם געגעבן אַ געוואַלדיגן חיזוק און כח זיך צו שטאַרקן, און ער האָט פאָרגעזעצט אויסצונוצן זיינע וואונדערליכע כשרונות אויף לימוד התורה, און פון דעם איז אויסגעוואַקסן יענער באַקאַנטער רבי שמעיה גרינבוים, וואָס איז היינט פון די גדולי מרביצי תורה פונעם דור...

דאָס אַלעס האָט ר' יודל דערציילט פאַר ר' ישראל פאָלקאָוויטש, אין די פריערדיגע יאָרן, ווען זיין זון רבי שמעיה האָט נאָך נישט אַרויסגעגעבן זיינע וואונדערליכע חיבורים מיט'ן פירוש 'סייעתא דשמיא' אויף ששה סדרי משנה, און יעצט, נאָך צענדליגער יאָרן וואָס אַזוי פיל טויזנטער אידן זענען עוסק אין זיינע חיבורים בעהי"ת, איז דאָך

**מיר** האָבן דאָך געלייענט פאָריגע וואָך, אין פרשת קרח (יז, ה) 'ולא יהיה כקרח וכעדתו'. די גמרא זאָגט (סנהדרין קי.) 'ויקם משה וילך אל דתן ואבירם' (במדבר טז, כה). האָט ריש לקיש געזאָגט, 'מכאן שאין מחזיקין במחלוקת'. פון דאָ לערנען מען אַרויס, אַז מ'טאָר נישט אָנהאַלטן אַ מחלוקת, ווייל רב האָט געזאָגט: 'כל המחזיק במחלוקת, עובר בלאו'. דער וואָס טוט אָנהאַלטן אַ מחלוקת, איז עובר אויף דעם לאו פון 'ולא תהיה כקרח וכעדתו'.

**זאָגט** רש"י, 'אין מחזיקין' - אפילו אויב די מחלוקת האָט זיך שוין אָנגעהויבן, טאָר מען נישט פאַרזעצן מיט די מחלוקת, נאָר מ'זאָל זיך לערנען פון משה רבינו ע"ה, וואָס ער האָט מוותר געווען אויף זיין כבוד, און ער איז אַליין געגאַנגען צו דתן און אבירם, כדי איינצושטילן די מחלוקת.

**עס** פאָדערט זיך טאַקע אַסאַך האָרעוואַניע זיך צו דערווייטערן פון מחלוקת. הרה"ק רבי אברהם חיים זי"ע פון זלאָטשוב, טייטשט ('אורח לחיים' אָנהייב פרשת קרח) די ווערטער פון רש"י, 'ויקח קרח בן יצהר בן קהת בן לוי', אַז דער פסוק דערמאָנט נישט אַז לוי איז געווען 'בן יעקב', ווייל יעקב האָט מתפלל געווען צום באַשעפער אַז זיין נאָמען זאָל נישט דערמאָנט ווערן ביי די מחלוקת פון קרח - 'בקהלם אל תחד כבודי'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מען בכלל געדאַרפט מייחס זיין קרח, דערמאָנען זיין יחוס, ביי די מחלוקת? עס וואָלט געווען גענוג צו זאָגן 'ויקח קרח' - נישט מער. פאַרוואָס דאַרף די תורה אויסרעכענען זיין יחוס, אַז ער איז געווען דער זון פון יצהר, דער זון פון קהת, דער זון פון לוי?

**ענטפערט** דער 'אורח לחיים', ווייל די גמרא זאָגט (ב"מ פה.) 'כל שהוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם'. די תורה ווערט נישט איבערגעריסן ביי דריי דורות תלמידי חכמים, ווייל די תורה קומט אייביג צוריק צו איר אכסניא.

**דאָס** איז אָבער נאָר געזאָגט געוואָרן לגבי דעם ענין פון תורה, אָבער ביי יראת שמים, זאָגט מען נישט אַז די תורה קומט צוריק צו איר 'אכסניא', ווייל יעדער איד האָט אַ בחירה וועלכן וועג אויסצוקלייבן (און כאָטש אויב ער ווייל זיך מטהר זיין, האָט ער זכות אבות וואָס שיצט און העלפט איהם, אָבער ער בלייבט נאָך אַלץ מיט אַ בחירה).

---

זעלבסט-פאַרשטענדליך אַז ר' ישראל האָט אין דעם אַלעם אַ גרויסן זכות. עד כאן המעשה, וואָס הרב רבי שמעיה גרינבוים זצ"ל האָט דערציילט פאַר זיין משפחה חודש אדר תשפ"א.

לדידן ייאמר, מיר קענען לערנען פון די מעשה אַ געוואַלדיגן מוסר השכל. **לאָמיר זיך פרובירן פאָרשטעלן ווי גרויס עס וואָלט געווען דער שאָדן פאַר כלל ישראל, ווען נישט די דאָזיגע פעולה פון רבי ישראל פאַלקאָוויטש. ווער ווייסט וויפיל נאָך ספרים, נאָך גדולי התורה, עסקנים און משפיעים און מזכי הרבים זענען געווען אין שענסטן בלי אין זייער יוגנט, אָבער זייער גרויסקייט איז ליידער אָפּגעהאַקט געוואָרן אויף אַ פּלוצלינגדיגן אופן ווען זייערע חברים האָבן באַשלאָסן אַז מ'דאַרף דעם דאָזיגן יונגל אָדער בחור דערווייטערן...**

דאָס איז אַלץ ווערטער וועגן דעם עבר. דער עיקר דאַרף מען אָבער רעדן אויך וועגן דעם עתיד, אַז עס געפינען זיך צענדליגער טויזנטער קינדער, בחורים און יונגעלייט וואָס קענען אויסוואַקסן גדולי ישראל, עובדי השם, מרביצי התורה און ראשי ישיבות, א.א.וו., אָבער אַמאָל קען אַ נאַרישער אַקט פון אַ צווייטן דאָס אַלעס אָפּהאַקן ח"ו.

ממילא, איז כדאי מעורר צו זיין די תלמידים און יונגע קינדער ווי ווייט מ'דאַרף זיך היטן נישט צו טשעפּען חלילה אַ צווייטן, און איהם גורם זיין אַ צער אַפילו אויף אַ סעקונדע. אַ גאַנצער דור קען האָבן שאָדן פון אַזאַ אַקט. **ווער ווייסט וויפיל גדולי ישראל און מחברים פון ספרים, וויפיל עסקנים און מזכי הרבים וואָלטן געקענט אויסוואַקסן ביי אידן, אָבער אַלעס איז ליידער פאַרלוירן געגאַנגען צוליב אַ וואָרט פון אַ שאַרף צינגל.**

מיר ווייסן אַז החיים וה... ביד הלשון. אויב מיר וועלן פאַרשטיין צו שאַצן דעם כח פון אַ וואָרט, און מ'וועט זיך באַנוצן דערמיט צום גוטן, בויט מען מיט דעם אַ גוטן זיסן עתיד פאַר אַלע אידן, און מ'האָט אַ גרויסן חלק אין אַלע גוטע תוצאות וואָס קענען אַריסקומען פון אַ גוט וואָרט, און פון חיזוק וואָס מ'גיט פאַר אַ צווייטן.

**צוליב** דעם איז קרח נתייחס געוואָרן נאָך זיינע עלטערן, כדי אונז צו לערנען, אַז כאָטש קרח איז געווען אַ מיוחס, איז ער אַריינגעפאַלן אין די מחלוקת מיט משה רבינו ע"ה.

**דאָס** דאַרף דינען אַלס אַ לימוד פאַר יעדן איינעם פון אונז, אַז אויך איינער וואָס שטאַמט פון 'קדושי עליון' און 'שרפי מעלה' - ער קען אַפילו זיין 'בן יצהר, בן קהת, בן לוי', וועט עס איהם נישט העלפן צו האָבן יראת שמים. אויף יראת שמים, דאַרף דער מענטש אַליין האָרעווען. קיינער קען נישט 'קויפן' יראת ה', נאָר מיט די אייגענע יגיעות...

**דאָס** איז דאָך קלאָר, אַז ווען עס האַלט שוין אינמיטן 'ברען' פון אַ מחלוקת רחמנא ליצלן, איז זייער שווער זיך אָפּצוטיילן דערפון. פונדעסטוועגן, דאַרף יעדער איינער זיך באַמיען און אַנטלויפן פון מחלוקת, דורך דעם וואָס ער וועט זיך גוט מתבונן זיין אין די רעזולטאַטן פון מחלוקת, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ה, יג) 'והמשכיל בעת ההיא ידום', ווייל שפּעטער וועט ער זעהן אַז אַפילו אויב עס איז איהם אָנגעקומען שווער זיך צוריקצוהאַלטן פון די מחלוקת, איז עס פאַר זיין טובה, ווייל דאָס לעבן פון אַ בעל מחלוקת, איז קיין לעבן נישט. וואו נאָר ער קערט זיך, איז ער אַרומגענומען מיט קריגעריען. דער קלוגער מענטש פאַרשטייט די שרעקליכע תוצאות רח"ל פון מחלוקת, און ווען ער שטייט נאָך ביי די 'טיר' פון די מחלוקת, דאָס הייסט, ער איז נאָך 'אינדרויסן', האַלט ער זיך צוריק מיט אַלע זיינע כוחות נישט אַריינצופאַלן אין די 'בלאָטע' וואָס רופט זיך מחלוקת, ווייל ער קען וויסן ווען ער פאַלט אַריין אין די בלאָטע, אָבער מ'קען נישט פאָראויסזעהן ווען און ווי אַזוי מ'קען אַרויסקריכן דערפון.

**אַזוי** שרייבט דער של"ה הקדוש זי"ע (שער האותיות, אות ב, בריות, יד) אַז דער איסור פון מחלוקת איז אַ 'משהו', ווייל פון איין פונק פונעם פייער פאַרגרעסערט זיך דער פלאַקער, און דאָס פייער וועט איהם שפּעטער אינגאַנצן פאַרלענדן רח"ל, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין ז.) 'האי תיגרא דמיא לצינורא דבידקא דמיא'. אַ מחלוקת איז ענליך צו אַ וואַסער-רער. זאָגט רש"י: 'לצינורא דבידקא' - ווען דער טייך וואַקסט, גייט דאָס וואַסער אָפּט מאָל אַרויס צו די דערנעבנדיגע פעלדער, אַזוי ווי קליינע רערלעך, און אויב מ'פאַרמאַכט עס נישט באַלד, טוט עס זיך באַלד אויסשפּרייטן און מ'קען עס מער נישט פאַרשטאָפּן.

**אַזוי** איז ביי מחלוקת, וואָס קען זיך ציהען לאַנגע טעג און יאָרן, און אַפילו ווען מ'האָט שוין לאַנג פאַרגעסן די סיבה פון די מחלוקת, ברענט נאָך אַלץ דער פייער פון די מחלוקת. אויב מ'וואָלט געדענקט דעם שורש פון די מחלוקת, וואָלט מען שוין לאַנג געקענט שלום מאַכן, נאָר ווייל מ'האָט צוגעלייגט אויל מיט האָלץ, ברענט די מחלוקת ווייטער, און עס טוט פאַרלענדן יעדן גוטן חלק. דער מענטש וואָס האָט שכל, שווייגט אָבער ביי אַ מחלוקת, אַז דער פייער זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן מער און מער ח"ו.

**אַזוי** שרייבט דער 'פלא יועץ' (ערך כעס), 'השתיקה בעת כעס כמים לאש - שמכבהו'. דאָס שווייגן אין אַ צייט ווען מ'איז אין כעס, טוט אויסלעשן דעם כעס, אַזוי ווי וואַסער טוט אויסלעשן פייער.

**דער** של"ה הקדוש זי"ע שרייבט (פרשת לך, אות לג) אויף דעם פסוק (בראשית יג, ח) 'ויאמר אברם אל לוט, אל נא תהי מריבה ביני ובינך'. שרייבט דער של"ה הקדוש, אַז ער האָט געהערט בדרך צחות (און אַזוי שרייבט אויך דער 'אלשיך' הקדוש זי"ע, אין זיין ספר 'תורת משה'), דער פסוק זאָגט 'מריבה', בלשון נקיבה, און נישט אַ לשון זכר, 'אל נא תהי ריב'. דאָס קומט אונז צו לערנען, אַז עס האָט זיך שוין פריער אָנגעהויבן אַ מחלוקת צווישן די פאַסטוכער, און ווגען דעם האָט אברהם אבינו ע"ה איהם געזאָגט, ער זאָל למען השם אויפהערן זיך צו קריגן, און נישט 'געבוירן', אַזוי ווי עס איז דער שטייגער פון מחלוקת, אַז עס טוט זיך כסדר פאַרמערן.

**צוליב** דעם זאָגט דער פסוק אַ לשון נקיבה: אל נא תהי 'מריבה'. די מחלוקת זאָל נישט זיין אַזוי ווי אַ נקיבה וואָס האָט קינדער. ס'איז גענוג אַז עס האָט זיך אָהנגעהויבן אַ 'ריב' - אַ קריגעריי.

**שרייבט** ווייטער דער של"ה הקדוש: ווגען דעם, יעדער איינער וואָס וויל אַמאָל זעהן די הייליגע שכינה, זאָל אַנטלויפן פון די זוהמא פונעם שלאַנג, און זיך דערווייטערן אַפילו פון אַ קליינעם חלק פון מחלוקת. 'ומה לי להאריך בגנות המחלוקת, כי כל הספרים

מלאים מזה' - וואָס האָב איך מאריך צו זיין צו באַשרייבן די שענדליכקייט פון מחלוקת. אַלע ספרים זענען דאָך פול דערמיט. נקוט האי כללא בידך - דו זאָלסט געדענקען איין כלל, אַז מחלוקת איז אַ גרעסערע עבירה ווי עבודה זרה, אַזוי ווי מיר געפינען ביי אחאב הרשע און ביי שאול המלך.

**און** דער של"ה הקדוש איז מוסיף (שם, אות טז): ס'איז דאָך זיכער אַז אפילו דער ערגסטער איד וואָלט געווען גרייט אויף מסירות נפש, כדי נישט צו דינען עבודה זרה. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָל ער נישט האָבן מסירות נפש זיך צוריקצוהאַלטן פון מאַכן אַ מחלוקת, וואָס איז נאָך האַרבער פון עבודה זרה, עכ"ל.

**אויך** דער מענטש וואָס שטייט אין אַ זייט ביי אַ מחלוקת (ער נעמט נישט אַ דירעקטן טייל אין די מחלוקת) דאַרף זיך צוריקהאַלטן פון אַרויסזאָגן אַ מיינונג און זיך מישן אין די מחלוקת, ווייל קיינער איז נאָך נישט אַרויסגעקומען ריין פון אַ בלאָטע. עס איז נישט מעגליך אַז ער זאָל נישט פאַרשמירן זיינע הענט און זיינע פיס, און זיין גאַנצן גוף. וועגן דעם דאַרף מען האַלטן אָפּען די אויגן ביים אָנהייב פון וועג, זיך צוריקצוהאַלטן באַצייטענס איידער עס איז צו שפּעט.

**דער** היילגער תנא הלל זאָגט (אבות פ"א, מי"ב) 'הוי מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום', און דער רמב"ן ז"ל שרייבט (במדבר טז, ד) 'וישמע משה ויפול על פניו'. דער פסוק זאָגט אַ לשון יחיד: 'ויפול על פניו', אַז נאָר משה רבינו ע"ה איז געפאַלן אויף זיין פנים, און נישט אהרן, ווייל אהרן האָט נישט געענטפערט אפילו אַ וואָרט אין די גאַנצע מחלוקת מיט קרח. ער האָט געשוויגן, גלייך ווי ער וואָלט מודה געווען אַז קרח איז גערעכט מיט זיינע טענות, און קרח איז ראוי מער ווי ער, צו דינען אַלס כהן גדול. דאָס וואָס ער, אהרן הכהן, שטייט און דינט אַלס כהן גדול, איז נאָר דערפאַר ווייל ער טוט אויספאָלגן די ווערטער פון משה רבינו ע"ה, און ער איז מקיים די גזירה פון דעם גרויסן קעניג, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

לויט דעם, קען מען טייטשן די ווערטער פון די משנה 'הוי מתלמידיו של אהרן'. דו זאָלסט נאָכלויפן דעם שלום, און מוותר זיין פון דיינעם פאַר אַ צווייטן, ווייל אַ מענטש קען נישט שאַדן האָבן ווען ער איז מוותר פאַר יענעם.

**לא הביט און ביעקב - דער בוכ"ע קוקט נישט אויף דיינע חסרונות, ער האָט דיך באמת ליב**

'**נאום** הגבר שתם העין, נאם שומע אמרי א-ל, אשר מחזה ש-ד-י יחזה נופל וגלוי עינים' (כד, ג-ד).

**טייטשט** הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער זי"ע (אין ספר 'מאמר מרדכי'), ס'איז באַקאַנט אַז 'גבר' איז אַ קלענערע מדריגה ווי דער נאָמען 'אדם'. איז דער פסוק מרמז, 'נאום הגבר שתם העין', דער מענטש וואָס איז אין דער בחינה פון 'גבר', דאַכט זיך איהם אייביג, אַז דער אויבערשטער האָט ח"ו אַוועקגענומען זיין השגחה פון איהם. ער קוקט זיך נישט אום אויף איהם, און ער האָט שוין חלילה נישט קיין האָפענונג.

**אַ** איד וואָס איז אָבער אין די מדריגה פון 'אדם', ווייסט אַז אויך ווען ער איז אין דער בחינה פון 'נופל' רח"ל, איז דער אויבערשטער נאָך אַלץ מקיים ביי איהם 'וגלוי עינים'. ער קוקט זיך אום אויף איהם און ער וואַרט אַז ער זאָל תשובה טוהן'. אין יעדן מצב וואָס ער געפינט זיך, אויב ער וועט תשובה טוהן, וועט דער אויבערשטער אָננעמען זיין תשובה באהבה וברצון.

---

**ז.** אַ מורא'דיג וואָרט האָט געזאָגט דער קלויזענבורגער רב, הרה"ק בעל 'שפע חיים' זי"ע (יומא דהילולא, ט' תמוז, שיעור חומש רש"י, פ' אמור תשל"ז, ועוד) וועגן די קדושה פון יעדן אידישן יחיד, יהיה מי שיהיה. דער פסוק זאָגט (ויקרא כב, לב) 'ולא תחללו את שם קדשי, ונקדשתי בתוך בני ישראל'. פון דעם פסוק לערנען אַרויס חז"ל (מגילה כג:) אַז ביי יעדן דבר שבקדושה דאַרף זיין וויניגסטענס צען מענטשן, ווייל מ'לערנט אַרויס אַ גזירה שוה, 'תוך תוך', פון דעם פסוק וואָס שטייט ביי די עדה פון **קרח** (במדבר טז, כא) 'הבדלו מתוך העדה', און דער מקור דערפון איז, מ'לערנט אַרויס 'עדה עדה' פון די **מרגלים**, וואָס עס שטייט ביי זיי (שם יד, כז) 'עד מתי לעדה הרעה הזאת', און דאָרט זענען געווען צען מרגלים (מי'ן אויסנאָם פון יהושע און כלב). דאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס חז"ל לערנען אַרויס דעם מקור פון דעם דין פון די עדה פון **קרח** און פון די **מרגלים**.

**אַזוי** שרייבט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע (אין ספר 'מאור החיים', ע' כה, וואָס עס האָט מחבר געווען זיין תלמיד רבי שלמה פרנקו זצ"ל) אויף דעם פסוק (ירמיה לא, יט) **הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים, כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד, על כן המו מעי לו, רחם ארחמנו, נאום ה'.** ס'איז דער שטייגער פון מענטשן, אויב עס שפירט זיך פון עמיצן א נישט גוטער ריח, דערווייטערט זיך יעדער איינער פון איהם. אַנדערש איז אָבער ווען דער ריח קומט פון אַ קליין קינד. נישט נאָר טוט דער ריח נישט דערווייטערן זיינע עלטערן פון איהם, נאָר אדרבה, זיי לויפן איהם אַנטקעגן מיט אַ געוואַלדיגע ליבשאַפט, איהם אָפצורייניגן פון יעדן סאָרט שמוץ, ער זאָל זיין ריין און ציכטיג.

**דאָס** זעלבע זאָגט דער אויבערשטער צו די אידן: טייערע קינדער, אפילו אויב איר האָט חלילה געזינדיגט, וויבאַלד איר זענט אָבער **'הבן יקיר לי אפרים'** - מיינע ליבע קינדער, זענט איר נאָך אַלץ אַזוי ווי אַ **'ילד שעשועים'**, ווי אַ קליין קינד וואָס זיינע עלטערן שפילן זיך מיט איהם כסדר, אָפגעזעהן פון זיין מצב.

**דאָס** פירט אויס דער פסוק: **'כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד'** - אין יעדן מצב וואָס ער געפינט זיך, **'רחם ארחמנו, נאום ה''**[ח].

**דער** הייליגער רבי פון לובלין זי"ע האָט געזאָגט אין נאָמען פון הייליגן מעזריטשער מגיד זי"ע, אויף

---

נאָר חז"ל האָבן אונז געוואָלט לערנען, אַז יעדער איד, יעדער יחיד, האָט אַ גרויסע קדושה. יעדער איינצעלנער איד איז חשוב גערעכנט צו ווערן אַלס אַ חלק פון אַ מנין אידן, וואָס נאָר צוזאַמען מיט איהם קען מען זאָגן 'קדושה'.

דאָס איז די כוונה פון פסוק **'ולא תחללו את שם קדשי'** - איר זאָלט נישט פאַרשוועכן ח"ו מיין נאָמען צו זאָגן אַז מיין שכינה רוהט נאָר אויף די **'קדושים'**, ווייל אַזאַ וואָרט איז ממש אין גדר פון אַ חילול השם ח"ו. נאָר **'ונקדשתי "בתוך" בני ישראל'** - איך טוה רוען אין **יעדן איד.** מיין קדושה געפינט זיך אין פנימיות פון יעדן איד.

**ח.** הגה"ח רבי אליעזר אייכלער זצ"ל, דער רב פון די באַיאַנער קהילה אין אַמעריקע, וועלכער איז אין די פריערדיגע יאָרן געווען דער ראש ישיבה אין דער טאָהשער ישיבה אין קאַנאַדע, בחייו פון טאָהשער רבי'ן, הרה"ק בעל 'עבודת עבודה' זי"ע, האָט דערציילט ווי פאָלגענד:

ס'איז באַקאַנט אַז דער טאָהשער רבי זי"ע איז בשיטה געווען קעגן אַרויסוואַרפן אַ בחור פון ישיבה. אַמאָל האָט אַ בחור אין די ישיבה זיך געפירט אינגאַנצן נישט לויט'ן רוח פון די ישיבה. פון טאָג צו טאָג, האָט ער געהאַט ירידות ל"ע ברוחניות ובגשמיות. האָט די הנהלה פון די ישיבה באַשלאָסן פה אחד, אַז ס'איז נישט דאָ קיין אַנדערער ברירה, נאָר אַוועקצושיקן דעם בחור פון די ישיבה. אָבער וויבאַלד דער רבי איז געווען דער בעה"ב, איז דער ראש ישיבה, הרב אייכלער, אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן און איבערגעגעבן די החלטה פונעם ועד ההנהלה. ער האָט געשילדערט פאַר'ן רבי'ן די אויפפירונג פון דעם בחור, און אַז דער גאַנצער שטאַב האָט דעריבער באַשלאָסן אַז ס'איז נישט דאָ קיין אַנדערע עצה ווי צו איהם פאַרשיקן פון ישיבה אויף אייביג...

די גאַנצע צייט, איז דער טאָהשער רבי געזעסן און געשוויגן. ווען הרב אייכלער האָט געפרעגט וואָס דער רבי זאָגט דערצו, צי דאַרף מען און מ'מעג אַרויסוואַרפן דעם בחור, האָט דער טאָהשער רבי געענטפערט: 'איר זענט גערעכט, אַ בחור וואָס טוט די אַלע זאַכן וואָס איר האָט דאָ פאַר מיר געשילדערט, האָט נישט קיין אָרט אין אונזערע ישיבה'. האָט הרב אייכלער געפרעגט: 'נו, אויב אַזוי, איז דער רבי מסכים אַז מ'קען איהם אַוועקשיקן פון ישיבה?' האָט דער טאָהשער רבי ווידער געשוויגן, און ס'איז געווען קענטיג אַז ער פאַרטיפט זיך אין זיינע הייליגע געדאַנקען. עטליכע מינוט שפּעטער, האָט הרב אייכלער ווייטער געפרעגט, וואָס טראַכט דער רבי?... האָט דער רבי איהם געענטפערט:

**- איך טראַכט, אויב דו וואָלסט מיר נישט באַלד געזאָגט דעם נאָמען פון דעם בחור, נאָר דו וואָלסט סתם געשילדערט פאַר מיר אַז עס איז דאָ אַ בחור וואָס האָט געטוהן אַזוי און אַזוי, און דערנאָך וואָלט איך דיך געפרעגט דעם נאָמען פון דעם בחור, און דו וואָלסט מיר געזאָגט אַז דער בחור איז מיין מיילך'ל** (דעם רבינ'ס זון - דער היינטיגער טאָהשער רבי שליט"א)**, וואָלט איך דאַן אויך מסכים געווען אַז מ'זאָל איהם אַרויסוואַרפן פון ישיבה?!** זיכער אַז נישט... נו, וואָס זאָל איך טוהן, איך שפיר אַז יענער בחור איז 'מיין מיילך'ל'... ווי אַזוי קען איך מסכים זיין איהם אַוועקצושיקן פון ישיבה?

האָט הרב אייכלער דערציילט, אַז ווען ער איז אַרויסגעקומען פון צימער פונעם טאָהשער רבי'ן זי"ע, האָט ער באַלד צוגערופן דעם בחור און איהם דערציילט 'דברים כהוייתן', פון אָנהייב ביז'ן סוף: מיר האָבן פאַררופן וועגן

דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כג, כד) 'הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא'. אַ 'לביא' איז שוואַכער ווי דער 'אריה' (דער לייב איז דער זכר, און די לביאה איז די נקיבה). איז דער פסוק מרמז, אַז אַ מענטש וואָס איז נישט אַזוי שטאַרק, און פונדעסטוועגן, שטאַרקט ער זיך אַזוי ווי אַ 'לביא', גיט מען איהם פון הימל אַסאַך כוחות, ביז ער שטאַרקט זיך און הייבט זיך אויף אַזוי ווי אַ לייב, ווי חז"ל זאָגן (יומא לח:) 'בא ליטהר מסייעין לו'.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן, און ער זאָל אויפבויען דעם בית המקדש מתוך הארת פנים און ישועות טובות, בב"א.

---

דיר אַן אסיפה, און באַשלאָסן דיך אַוועקצושיקן פון ישיבה. ווען איך בין אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן און איהם איבערגעגעבן אונזער החלטה, האָט דער רבי מיר געזאָגט: 'איר זענט גערעכט, אָבער דער בחור איז חשוב ביי מיר אַזוי ווי מיין מיילך'ל'...

הערנדיג די ווערטער, האָט דער בחור מחליט געווען ביי זיך, אז ער ווערט אַ נייער מענטש. אויב דער רבי האָט איהם אַזוי ליב און איז איהם אַזוי שטאַרק מחשיב, ער וויל נישט זעהן זיינע חסרונות, דאַרף ער זיך דראַסטיש טוישן און זיך באמת פאַרבעסערן.

לדידן יאמר, **יעדער איד דאַרף געדענקען אַז ביי דעם אויבערשטען איז ער 'מיין מיילך'ל'. דער אויבערשטער קוקט נישט אויף זיינע חסרונות, נאָר ער האָט איהם ליב מיט'ן גאַנצן כח.**

מ'קען זאָגן אַז דאָס איז מרומז אין דער היינטיגער פרשה (כג, כא), **'לא הביט און ביעקב'**. זאָגט רש"י, אַז דער אויבערשטער קוקט נישט אויף זייערע עבירות. פאַרוואָס? ווייל **'ותרועת מלך בו'**. 'תרועת' איז פון לשון 'ריעות' - ליבשאַפט. **ווען אַ איד אנערקענט אַז דער אויבערשטער האָט איהם ליב אַזוי ווי 'מיין מיילך'ל', אפילו אויב ער איז ח"ו נכשל געוואָרן און אַריינגעפאַלן אין טיפן תהום ה' ירחם, האָט דער אויבערשטער איהם נאָך אַלץ ליב, ממילא, 'ה' אלוקיו עמו' - ווערט ער נענטער צו דעם אויבערשטען, און ער פרובירט אייביג צו בלייבן נאָנט צו איהם.**

# מתלמידיו של אהרן הכהן - אוהב שלום ורודף שלום

רש"י זאָגט אָנהייב פרשת קרח: 'פרשה זו יפה נדרשת'. עס ליגט אייביג אַ פליכט אויף אונז צו רעדן וועגן דעם חומר הענין פון מחלוקת, און נאָכזאָגן פון פון חז"ל, און דערציילן ווי אַזוי די גדולי ישראל אין אַלע דורות האָבן זיך געפירט אין דעם ענין פון שלום און זיך דערווייטערט פון מחלוקת, עס זאָל אַריינדרינגען אין די הערצער פון אונזערע קינדער די שעדליכקייט פון מחלוקת, און ווי גרויס ס'איז דער שכר פון וותרנות, נישט צו ענטפערן יענעם בשעת אַ מחלוקת, א.א.וו. דער וואָס פירט זיך אַזוי, איז זוכה אַז אויך זיינע קינדער זאָלן גיין אויף גוטע וועגן, זיי וועלן זיך דערווייטערן פון מחלוקת און עס וועט רוהען שלום ושלוה ביי זיי.

אַ נאָנטער מקורב פון דעם גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל האָט דערציילט, אַז מיט יאָרן צוריק איז ער אַמאָל אַריינגעקומען אין הויז פון רבי שלמה זלמן, און עס האָט זיך אַנטפלעקט פאַר זיינע אויגן אַ שרעקליכע מראה: אַ גרופע יונגעלייט שטייען און שרייען מיט עזות מצח אויף דעם רב (פּאַסירט האָט עס, נאָך דעם ווי רבי שלמה זלמן האָט אַרויסגעגעבן אַ הצעה מקיל צו זיין אין אַ געוויסן ענין, וואָס אַנדערע גדולים זענען אַרויסגעקומען קעגן די דאָזיגע קולא, און רבי שלמה זלמן אַליין, האָט עס נאָר געזאָגט בתורת 'הצעה', און נישט אַלס אַ פסק והוראה הלכה למעשה).

בשעת מעשה, איז רבי שלמה זלמן געזעסן און אויסגעהערט זייערע 'קולות וברקים', מיט אַ שלוות הנפש און פרייליך פנים, כאילו זיי וואָלטן איהם דאָ געקומען דערציילן גוטע בשורות...

דערציילט דער מקורב: נאָך דעם ווי די יונגעלייט האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז, האָב איך געפרעגט רבי שלמה זלמנ'ען: ילמדינו רבינו, פון וואו נעמט דער רב אַזעלכע שטאַרקע כוחות הנפש? האָט רבי שלמה זלמן מיר געענטפערט רואיג, ווי זיין שטייגער:

- כ'וועל דיר דערציילן אַ מעשה וואָס איז פאָרגעקומען ווען איך בין געווען יונג, אין דער 'שערי צדק' געגנט פון ירושלים, וואו איך בין אויפגעוואַקסן, און פון דעם וועסטו פאַרשטיין: אין אַ געוויסן טאָג, האָט מען געהערט אין אונזער געגנט, שערי חסד, אַז דער גאון רבי אהרן כהן זצ"ל, אַן איידים פון דעם הייליגן 'חפץ חיים' זי"ע, האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל, און ער גרייט זיך צו זיך באַזעצן אין אונזער געגנט. דאָס האָט אַרויסגערופן התרגשות ביי דעם ציבור, און מ'האָט באַלד צוגעגרייט פאַר איהם אַ שיינע דירה. מ'האָט אויך צוגעשטעלט פאַר איהם אַלע נויטווענדיגקייטן, אַז ער זאָל דאָ קענען זיצן רואיג על התורה ועל העבודה. רבי אהרן כהן האָט זיך טאַקע באַזעצט אין דער שערי חסד געגנט.

- עטליכע חדשים שפּעטער, איז רבי אהרן כהן 'נעלם געוואָרן'... קיינער האָט איהם נישט געזעהן, נישט אין ביהמ"ד, און נישט אויפ'ן גאַס. אַזוי זענען אַריבער עטליכע טעג, און די טובי הקהל האָבן באַשלאָסן איהם צו זוכן. מ'האָט אָנגעקלאַפּט אויף די טיר פון זיין הויז, אָבער 'אין קול, ואין עונה'. האָט מען געעפענט די טיר און געזעהן אַז

די דירה איז ליידיג. אויך די שכנים האָבן נישט געוואוסט צו זאָגן וואו רבי אהרן איז אַהינגעקומען. מ'האָט אויסגערופן אין בית המדרש אויב עמיצער האָט געזעהן רבי אהרן כהן. האָט אַן עלטערער איד דערציילט 'כמסיח לפי תומו', אַז ער האָט געזעהן רבי אהרן פאַרלאָזן די געגנט אַ וואָך פריער, מיט אַלע זיינע חפצים, און ער איז געפאָרן קיין יפו...

- האָבן אַלע אידן אין געגענט זיך געוואונדערט וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט. פאַרוואָס האָט רבי אהרן פאַרלאָזט די געגנט. מ'האָט דאָך איהם געגעבן אלעס וואס האט נאר געדארפט. האָט מען געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין יפו צו רבי אהרן כהן, וועלכער האָט זיי אויפגענומען גאָר פריינטליך און זיי הערצליך באַדאַנקט פאַר די חסד וואָס זיי האָבן געטוהן מיט איהם, און אויף זייער פראַגע פאַרוואָס ער איז אַוועקגעפאָרן פלוצלינג אָן איינמעלדן פריער, האָט ער זיי דערציילט 'דברים כהווייתן', ווי פאָלגענד:

- ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין שווער, דעם 'חפץ חיים' זי"ע, איידער איך בין אַרויפגעפאָרן קיין ארץ ישראל, האָב איך איהם געפרעגט וואו איך זאָל זיך באַזעצן, אין ירושלים, אָדער אין צפת, אָדער אפשר גאָר אין חברון, אָדער אין יפו. האָט דער שווער מיר געענטפערט:

- נישט קיין נפק"מ וואו דו וועסט וואוינען, אָבער איין זאַך בעט איך פון דיר, דו זאָלסט מיר געבן 'תקיעת כף', אַז פון אַן אָרט וואו עס איז דאָ מחלוקת, וועסטו אַנטלויפן וואָס שנעלער... דו זאָלסט קיינמאָל נישט אַוועקשטעלן אַ פוס וואו עס הערשט מחלוקת, און אויב דו ביזט חלילה יאָ אַריינגעפאַלן אין אַזאַ אָרט, זאָלסטו שנעל אַנטלויפן פון דאָרט... איך האָב געגעבן 'תקיעת כף' פאַר'ן 'חפץ חיים', און מיט טרערן האָבן מיר זיך געזעגנט.

- רבי אהרן כהן האָט אויסגעפירט: לעצטענס האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת אין אייער געגנט שערי חסד וועגן דאָס גבאות אין שול, און וויבאַלד דאָס איז אַזוי האַרב ביי מיין שווער, אַז ער האָט גענומען דערויף א 'תקיעת כף' פון מיר, האָב איך וואָס שנעלער געמוזט פאַרלאָזן די געגענט, און איך האָב אַפילו נישט באַוויזן זיך צו געזעגענען פון די שכנים.

און רבי שלמה זלמן האָט אויסגעפירט זיינע ווערטער צו זיין מקורב: ווען די דעלעגאַציע איז צוריקגעקומען פון יפו און איבערגעגעבן וואָס רבי אהרן כהן האָט זיי געענטפערט, האָט עס געמאַכט אויף מיר אַ געוואַלדיגן רושם (זייענדיג זייער יונג). דאַן האָב איך געמאַכט אַ פעסטן באַשלוס, אַז איך וועל אייביג פרובירן צו אַנטלויפן פון מחלוקת ווי פון פייער. און דאס איז די סיבה פאַרוואָס איך האָב געשוויגן ווען יענע יונגעלייט האָבן מיך אָנגעשריגן און באַפאַלן, צוליב מיין פעסטע קבלה נישט אַריינגעצויגן צו ווערן אין 'וויכוחים'. (ספר 'שלום רב', פ' ע, בשם דעם בעל העובדא).

פון די מעשה, קען מען לערנען אַ גרויסן יסוד אויך אין דעם ענין פון חינוך הבנים, אַז **אויב אַ טאַטע אַנטלויפט פון מחלוקת אַזוי ווי פון פייער, ווערט עס איינגעקריצט אין די הערצער פון זיינע קינדער, און זיי וועלן זיך אויך אַזוי פירן אין לויף פון די יאָרן.**